STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04955

DER IDISHER PREZIDENT DEYVID IZRAELS

Frank Barkley Copley

Permanent preservation of this book was made possible
by Linda D. Schloss
in memory of
Sylvia Plotnick Kavon

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרענק ב. קאפלי

דער אידישער פרעזידענט
דייוויד איזראעלס

איבערזעצט און מיט אן איינפיהרונג פון
יוסף באראנדעס

ליטעראַרישער פערלאג, ניו יארק.
1916

Copyright by The Macmillan Company
NEW YORK

I

במקום הקדמה.

איך האָב אויפגעפאָדערט דעם פּערפאַסער פון אַט דעם בוך, ה. פרענק קאַפּלי, ער זאָל שרייבען א פאָררעדע צו דער אידישער איבערזעצונג פון זיין ווערק, און האָב איהם געזאָגט — ווי ער דערצעהלט אין זיין פאָררעדע — אַז א חוץ דעם, וואָס זיין פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונג וועגען א אידישען פרעזידענט אין אמעריקא, וועלכער ווערט „אימפּיטשט" דערפאַר, וואָס זייענדיג מיט לייב און זעעלע פאַר דעם אידעאַל פון שלום צווישען די פעלקער, וויל ער בשום אופן ניט דערלאָזען צו א מלחמה מיט דייטשלאַנד איז אליין א גרויסאַרטיגע שאַפונג, געפעלט מיר זעהר זיין אמת'ע, אַזוי צו זאָגען „קוראַנטע אבשאַטצונג" פון דעם אידען.

אז איך האָב איהם ריכטיג פערשטאַנען און אז ער האָט געוואָלט אַזוי פערשטאַנען ווערען, דאָס זאָגט אויך הערר קאַפּלי אליין אין זיין ספּעציעלער פאַר דער אויסגאַבע געשריבענער פאָררעדע, וועלכע דער לעזער געפינט גלייך נאָך די שורות. אמעריקא, בנוגע איהרע אידישע בירגער און איינוואָהנער; די דער עצם פון גאַנצען ענין איז אבער די פּאָליטישע פראַגע אין מעגליכע פערוויקלונגען און שוועריגקייטען צווישען אמעריקא און דייטשלאַנד, וועלכע קענען פיהרען צו מלחמה; די פראַגע פון „זיין פאַרבערייטעט פאַר מלחמה, ווען נויטהיג" (Prepardness) און אַט די דאָזיגע אלע פראַגען ווערען אין דעם בוך מיט אַזאַ לויטערען בליק בעהאַנדעלט.

לויט מיין מיינונג זיינען די אלע פראַגען פון גרויסער וויכטיגקייט אויך פאַר אונז אידען, און וועגען זיי האָב איך געהאַפט וועט הערר קאַפּלי רעדען, ווארום ווער נאָך מעהר ווי ער, קען בעסער די דאָזיגע דונקעלע, שווער פערשאַטענטע פּראָבלעמען בעלייכטען?

בעטראַכט נאָר ווען און אונטער וועלכע אומשטענדען דער פערפאַסער האָט זיין שעהנעם פאַנטאַסטישעם ווערק געשאַפען!

II

אלעס איז געווען רוהיג. דער הימעל איז געווען לויטער. אלעס איז ראזיג, האניגזיס. די גרויסע בעפעלקערונג פון דייטש־אמעריקאנער אין אמעריקא בעטראכטען עס גאר ניט אלס א ווידערשפרוך, זוען זיי ערקלעהרען זיך מיט שטאלץ און צופרידענהייט אלס פאטריאטישע אמעריקאנער און לאיאלע דייטשען.... ערשט ניט לאנג צוריק האט דאך דער דייטשער קייזער ווילהעלם געשיקט אהער זיין ברודער צו גאסט מיט דער ערקלערונג, אז זיין אבזיכט איז „צו פערשטארקען די פריינדליכע פערהעלטניסע וועלכע עקזיסטירען צווישען דייטשלאנד און אמעריקא“. יעדעס יאהר בייטען מיר זיך מיט דייטשלאנד, מיט פראפעסארען, „בכדי אז די קולטורעלע שטימונגען צווישען ביידע לענדער זאלען זיין אויף אנ׳הארמאנישען פוס“. פלוצים, פאלט עס איין א געבוירענעם אמעריקאנער צו שרייבען א בוך, אין וועלכען ער גיט שטארק אנצוהערען, אז די פערהעלטניסע צווישען אמעריקא און דייטשלאנד זיינען כלל ניט קיין פריינדליכע, אז זיי זיינען זעהר שטארק אנגעצויגען; אז ווען א אידישער פרעזידענט ווערט אין אמעריקא פער צופאל געוועהלט, — האט ער זיך צו רעכענען מיט א ברוטאלען, געזעלשאפטליכען און פאליטישען אנטיסעמיטיזם; אז עס האלט ביי אנ׳אויסברוך פון מלחמה צווישען די ביידע לענדער; אז די גרעסטע מאיאריטעט פון דער אמעריקאנישער בעפעלקערונג ליארעמט מיט קולות וברקים דאס אמעריקא דארף זיין פארבערייט פאר מלחמה. „פריפארעדנעס“. ווערט מיט אמאל איבעראל און ביי יעדען דאס שלאגווארט. אין אט אין רעכטען מיטען פון טומעל, ווען די לופט אין אמעריקא אין אנגעלאדען מיט פעך און שוועבעל, ווען כמעט אלע ווארטען מיט איינגעהאלטענע אטהעמס אויף די נייעס אז אונזער רעגירונג „האט קריעג צו דייטשלאנד ערקלעהרט!“, פערשיקט גאר פרעזידענט איזראעלס אלע אונזערע קריעגס־שיפען אין טערקיי. דאס גאנצע לאנד איז אויפגעברויזט מיט ערביטערונג געגען איהם פאר זיין האדלונג, אבער ער בלייבט פעסט ביי זיין בעשלוס, אז וואס וועניגער אונזער לאנד וועט זיין „פריפעירד“ וועלען מיר אלץ וועניגער בעאיינפלוסט ווערען פון דער קריעגס־לוסט, און דייטשלאנד וועט ניט וואגען צו בעהאנדלען אמעריקא — א לאנד, וואס ערקלערט אז זי איז אין פריינדליכע בעציהונגען

III

מיט דייטשלאנד און וויל דערפאר געגען איהר בשום אופן זיך ניט בעוואפענען, ווי עס ווערט בעהאנדעלט א בעוואפענטעס לאנד וואס ווערט אלס שונא בעטראכט. דער גאנג פון דער גאנצער פאסירונג איז מערקווירדיג אויסגעהאלטען, לאגיש אי־בערצייגענד ביז צום סוף. אין פערלויף פון דעם גאנצען אימ־פיטשמענט פראצעס איז פרעזידענט איזראעלס זיכער אז ער וועט ארויס דער זיעגער, ווייל ער איז בטוח, אז דער יושר מוז טריאומפירען און דער רעזולטאט איז, אז צו פערדאנקען פרעזי־דענט איזראעלס קאנסעקווענטער טרייהייט צו די אידעאלען פון שלום און זיין שטארקען דיפלאמאטישען פערשטאנד איז קריעג צווישען אמעריקא און דייטשלאנד אויסגעמיטען געווארען.

צו בעשאפען אזא פאנטאזיע די גרעסטע טהייל פון וועל־כער איז אין אזא קורצער צייט געווארען א ווירקליכקייט דארף מען בעזיצען אנ׳אויסערגעוועהנליך ווייטזעהענדען בליק. מיט דער דאזיגער ברכה, לויט מיין מיינונג, האט די שעפפונגס־קראפט דעם פערפאסער פון דעמדאזיגען ווערק מזכה געווען מיט דער פולער האנד.

ווער אלזא, מעהר ווי ער, איז בערופען צו רעדען וועגען די ברענענדע טאגעס־פראגען, וועלכע די מלחמה האט פאר דער וועלט ארויסגערופען?

ווער מעהר ווי ער, איז בערעכטיגט צו רעדען וועגען די געדריקטע פאליטישע שטימונגען און דיפלאמאטישע פערוויק־לונגען צווישען אמעריקא און דייטשלאנד, וועלכע ווערען פון טאג צו טאג וואס מעהר און מעהר בולטער, וואס מעהר און מעהר ערנסטער?

די דאזיגע פראגען — האב איך געהאפט — וועט ה׳ קאפלי בעהאנדלען אין דעם פארווארט, וואס איך האב איהם גע־בעטען ער זאל שרייבען פאר דער אידישער איבערזעצונג.

נו, האט זיך הערר קאפלי זיין אייגענע שיטה און, ווי איהר וועט ווייטער זעהן, האט ער פון אלע פראגען, וועלכע ער בע־האנדעלט אין זיין ווערק אויסגעקליבען גאר די רעליגיעזע מי־סיאן וואס דער איד האט, לויט זיין מיינונג, אויף דער וועלט. ער בעהאנדעלט די רעליגיעזע פראגע ווי אויך די פראגע ווע־גען די בעציהונגען צווישען די פעלקער פון זיין אייגענטהימלי־כען קריסטליכען שטאנדפונקט.

IV

אַט מיט דיעזען זיינעם קריסטליך־רעליגיעזען שטאַנדפונקט איז אונמעגליך צו זיין איינפערשטאַנדען. אויך ניט דאָרט, וואו ער גיט אנצוהערען (חלילה ניט מיט בייזער אבזיכט) אז „דער איד וועלכער האָט ניט קיין גאט אין הארצען" איז ערגער פון א ניט אידען, וועלכער האָט אויך ניט קיין גאט אין הארצען.

און אויך אונמעגליך איז עס מסכים צו זיין, אז די שליחות פון דעם אידען אויף דער וועלט איז נאָר צו ערפילען זיין רעליגיעזע מיסיאן. דאָס קען זיין אפשר צום הארצען פון די רעפארם־טעמפעל ראבינער, אבער דאָס איז בשום אופן ניט דער אידישער שטאנדפונקט. אלע היסטאָריקער פון די פעראייניגטע שטאַטען פון אמעריקא, ספּעציעל די יעניגע, וועלכע האָבען יענע עפּאכע דורכגעלעבט, בעשטעטיגען מיט איין קול, אז „די פארמע פון אונזער רעגיערונג איז אויסגעגאסען געווארען לויט דעם מוסטער פון דער ביבעל".

דזשאהן מילטאן, שעקספּיר, דער פילאזאף עמאנועל קאנט, מאקקאלי, ראלף, וואלדא עמערסאן און אפילו אזעלכע קלייניגלויביגע ווי אוגוסט רענאַן, טהאָמאס פּעין, ניטשע און דער אמעריקאנער אינגערסאל האָבען בעהויפּטעט, אז זיי האָבען מאָדעלירט זייערע ליטעראַרישע ווערקע לויט דעם מוסטער פון'ם אלטען טעסטאמענט, ווי באלד אזוי זעהן מיר דאך אז אויך אויף דעם געביעט פון ליטעראטור האָט דער איד א מיסיאָן צו ערפילען און אז אויך איצטער ווי אמאָל האָבען זיינע שכנים פון איהם עטוואס צו לערנען.

עס איז בעוואוסט צו יעדען, וועלכער האָט א ידיעה אין דער וועלט־געשיכטע, אז די אידען האָבען פון דער אלטער צייט אָן געשאפען און אנגעהאלטען די פארבינדונגען צווישען די פערשיעדענע וועלט־טיילען אויף דעם קאמערציעלען געביעט, דורך האנדעל, און ביז אויף דעם היינטיגען טאָג פערנעהמען די אידען דעם וויכטיגסטען פּלאץ אויף דעם דאָזיגען געביעט. ווי בכלל זיי זיינען געוועזען און זיינען עד היום א מעכטיג טרייבענדע קראפט פון וועלט־פּראגרעס און ציוויליזאציאָן.

מ'דארף נאָר דורכרייזען די פערשיעדענע טהיילען פון סויטה אמעריקא און האלטען אפען די אויגען צו דער געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון די דאָזיגע ערטער, אום צו בעגריי־

V

פען וואס פאר א גרויסע ראלע עס האבען געשפּילט די אידען דארט צו עפענען יענע בארבארישע לענדער פאר דער מאדערנער ציוויליזאציאן, און ווי זיי שפּיעלען נאך די דאזיגע בעדייטענדע ראלע ביז צום היינטיגען טאג.

מען דארף דאך אלזא געדיינקען, אז חוץ דער רעליגיעזער מיסיאן, האט דער איד נאך א ציוויליזאטארישע מיסיאן צו ערפילען, און אז מען וויל רעדען וועגען גאט אלס די פערקערפּערונג פון ליעבע, יושר און טאלעראנץ, האבען מיר אויך אין דער דאזיגער היגזיכט ניט נויטהיג צו געהן צו אונזער קריסטליכע שכנים זיך צו לערנען די בעדייטונג דערפון.

„רחמנא ליבי בעי" — גאט וויל דאס הארץ. ווען דער היידע איז געקומען צו הלל'ן און האט פון איהם פערלאנגט ער זאל איהם לערנען כל התורה כולה אויף איין פוס, האט איהם דער גרויסער תני געזאגט „ואהבת לרעך כמוך" — ליעב דיין נעכסטען ווי זיך אליין. דאס איז די גאנצע תורה. דאס איבעריגע איז נאר א פירוש. אט דאס איז אונזער שטאנדפּונקט וועגען דער פערקערפּערונג פון דעם אידעאל פון מענשענליעבע אין דער גאטהייט!

י ו ס ף   ב א ר א נ ד ע ס.

פאָרוואָרט

(ספּעציעל געשריבען פאר דער אידישער איבערזעצונג)

ווען ה׳ בּאראנדעס האָט מיך געבעטען שרייבען א פאָרוואָרט צו דער אידישער איבערזעצונג פון מיין בוך „פרעזידענט איז־ראעלס“ (דער אידישער פרעזידענט) און דערביי באמערקט, אז איהם געפעלט זעהר וואס איך שעטץ אָב דעם אידען ווי א גע־וועהנליכען מענשען בין איך דערמיט געוועזען זעהר צופרידען.

איך דיינק אז עס איז אמת דאָס צווישען ניט־אידען הערשט די געוואינהייט ענטוועדער צו אונטערשעטצען דעם אידען, אדער איהם צו איבערשעטצען: ענטוועדער זיי פערדאמען איהם אלס א שיילאק וואָס פאָדערט זיין פונט פלייש, אָדער זיי צוגיסען זיך אין התפעלות איבער איהם ווי איבער א מלאך, וואָס דיינקט אזוי וויי־ניג וועגען זיין חומר ווי ער וואָלט גאָר ניט געוועזען פון בלוט און פלייש.

פאר זיך אליין קען איך זאָגען אז איך בין געוועזען שטענדיג אין א בעזונדערער סימפּאטיע מיט די אידען. אויב עס איז אמת אז די גאנצע דענקענדע מענשהייט קען ווערען איינגעטיילט אין גריכיש־דיינקענדע — יענע וואס פארגעטערן די שיינקייט אלס סימבאָל — און אין אידיש־דיינקענדע — יענע וואס זוכען דעם תוך פון די זאכען וואס ווערען סימבאָליזירט — דאן געהער איך געווים צו די אידיש־דיינקענדע; און אויב „פרעזידענט איזראעלס“ איז ניט אונמענשליך, ניט איבער־מענשליך, נור איינפאך מענשליך, ליעגט אין דעם אליין די ערקלערונג וועגען מיין שטאנדפּונקט אין דעם דאָזיגען ענין.

דאָך פאר די שטרעבונג פון די ניט־אידען, ענטוועדער צו פעראכטען דעם אידען אלס ווייניגער ווי מענשליך, אדער איהם אריינצוליובען אין הימעל אריין אלס איבערמענשליך, איז דאָ א געוויסע ענטשולדיגונג, וועלכע מען קען ניט אוועק מאכען מיט׳ן

האנד. איך האָב אומזיסט געזוכט אַ ריכטיגע ציטאַטע פון אַ בר סמכא וועגען דעם ענין, אָבער איך געדיינק אַז ערגעץ וואו האָט ראלף וואַלדאָ עמערסאָן געזאָגט, אַז נאָר אויף אַזוי פיעל, וויפיעל גאָט איז אין אונז, זיינען מיר עפּעס בעסער ווי מייז און ראַצען. און ווען גאָט איז אין גאַנצען ניטאָ אין אונז, דאַמאַלס זיינען מיר אַזוי זעלענסלאָז און לעבענסלאָז ווי באַראַדעוועקעס און ווינד־תּליש. אויב דאָס איז אמת מכּה אַלע מענשליכע בעשעפּענישען איז עס בעזונדערס אמת מכּה אידען. יאָ, איך האָב אויך אויסגעפונען — ווייניגסטענס ווי אַן אַלגעמיינער כּלל — אַז ווען גאָט איז אין דעם אידען, איז דער איד גרויס און ערהאַבען, ווען אָבער גאָט איז אין איהם ניטאָ, דאַמאַלס איז באמת — אַ סוף צו אַליץ. —

צו זעהען מיר אין דעם אַביישפּיעל פון דעם פּרינציפּ אַז די פאַרדאָרבונג פון דעם בעסטען ווערט דאָס ערגסטע ? — איין זאַך ווייס איך זיכער, אַז עס איז דאָס אייגענטימליכע זשעניע פון דעם אידען צו האָבען גאָט אין זיין האַרצען. אויב עס איז ווען עס איז געוועזען אַ ראַסע וועלכע האָט פאַלשטענדיג פערשטאַנען די מיינונגען פון דעם געטליכען צורוף: יהי אור!" — עס זאָל זיין ליכט! איז דאָס געוועזען די אידישע, און פּונקט אַזוי ווי אַ יחיד וואָס איז ניט פאַרזיכטיג, האָבענדיג דאָס ליכט, פאַלט אַרונטער אויף אַ נידעריגערער מדרגה ווי דער וואָס האָט קיין מאָל קיין ליכט ניט געזעהן, פּונקט דאַסזעלבע קומט אויס צו דענקען בנוגע צו אַ ראַסע, וואָס איז דאָך אויך נור אַ גרעסערע פּערזענליכקייט. דאָס געזעץ פון פערגעלטונג (ענטשיידונג) איז נישט קיין נושא פּנים. עס בעצאָהלט אחת ואחת.

די פאַרעפענטליכונג פון „פּרעזידענט איזראַעלס" אין אידיש, גיט מיר צו מוטה צו גלויבען אַז די ערצעהלונג וועט געלעזען ווערען פון פיעל אידען וואָס האָבען איינגעוואַנדערט אַהער פון רוסלאַנד, פּוילען און פון אַלע אַנדערע לענדער, וואו זיי זיינען פערפאָלגט געוואָרען.

מיר ווייסען אלע וואָס פאר אַ צרות און ענוים קשים דאָס אידישע פאָלק שטעהט אוים אין יענע לענדער און מיר דאַרפען אלע וויסען, אז ס'איז ניט מעהר ווי נאַטירליך, אז נאָכדעם ווי מיר בעפרייען זיך פון יענע צושטענדע, וועלכע מאכען מעגליך, אז מיר זאָלען בערויבט ווערען — אז מיר זאָלען קאָנצענטרירען אונזער ענערגיע צו קריגען, אונטער די נייע צושטענדע, אלעס דאָס, פון וואָס מיר זיינען פריהער בערויבט געוואָרען. דעריבער, אויב עס דאכט זיך אונז, אז א גרויסע צאהל פון אידישע אימיג־ראנטען זיינען דערוויטערט געווארען פון דער גייסטיגער און טראַדיציאָנעלער מיסיאָן פון זייער פאָלק און עס שיינט אונז, אז זייער שכל און ענערגיע ווערען אויסגענוצט צו קריגען מאטעריע־לע פארטהיילע, ווער האָט דאָס רעכט זיי דערפאר צו פערדא־מען?

געווים ניט דער יעניגער, וועלכער האָט ניט דורכגעמאכט די פראבע פון זייערע לײדען, ניט דער יעניגער, וואָס האָט ניט דורכגעלעבט זייערע שרעק, מאטערנים און פיין.

ניין! זאָל גאָט אויסהיטען, אז דאָס וואָס איך זאָג איצטער זאָל חלילה אויסגעטייטשט ווערען אין דעם זין פון פערדאמונג!

אָבער, ווען „פרעזידענט איזראעלם" וואָלט געקענט האלטען אַ רעדע פאר די דאָזיגע אימיגראנטען, וועגען דעם, וואָס דער איד קען — ניין; וואָס דער איד דאַרף טהאָן אונטער די פרייערע (אפילו ווען ניט אין גאנצען פרייע) אמעריקאנישע פערהעלטני־סע, וואָלט איך מיך געשעצט זעהר גליקליך.

אַ, איהר מענער און פרויען פון'ם אידישען פאָלק! איהר, וואָס זייט צו אונז געקומען פון'ם הייליגען לאנד דורך דעם שיי־טער־הויפען פון דער אונטערדריקטער און אונטערדריקענדער איירָאפּא, אייערע גרוי־אלטע ש ע ה נ ע ט ע ג זיצען נאָך אלץ אויף זייער גלאָררייכען טראָן!

איך בין וועגען דעם זיכער, אז זיי וואַרטען מיט דער גרעס־טער אונגעדולד אויף אייער צוריקקעהר, אויף אייער ווידערגע־בורט.

איהר דאַרפט דאָס טהאָן!

איהר מוזט עס טהאָן!

עס איז די אלטע צערטליכע שטימע, וועלכע רופט אייך צו־ריק! האָט דוד איזראעלם געהאט א נבואה'שען בליק אויף דער וועלט און איהרע מענשענקינדער?

דאָס איז געווען די גאָטהייט וואָס האָט אָנגעפילט זיין אינ־טעליגענץ — זיין שכל הישר.

איז ער געווען בעהערשט פון דעם געפיהל ניטצליך צו זיין און דינען זיינע מיטמענשען?

דאָס איז געווען די גאָטהייט, וואָס האָט ביי איהם אין האר־צען געלעבט.

איז ער געווען געבענשט מיט דער בעסטער און שעהנסטער מתנה, וועלכע א מענש קען בעזיטצען — א גוטען נאָבעלען כא־ראקטער? דאָס איז געווען די גאָטהייט, וועלכע האָט געלעבט אין זיין ווילען.

דאָס איז אייער ירושה; קומט און נעמט זי.
זי איז אייערע!

פ ר י י נ ק ב א ר ק ל י ק א פ ל י

דעצעמבער, 1915.

ניו יאָרק סיטי.

איבערזעצט אין אידיש

פון י ו ס ף ב א ר א נ ד ע ס ס

I

די נעמען פון ענדרוי דזשאַהנסאָן און דייוויד איזראַ-
עלס זיינען ענג פערבונדען צוזאמען, און בעקאַנט זיינען זיי
אַלס די צוויי פרעזידענטען פון די פעראייניגטע שטאַאטען,
וועלכע זיינען אימפּיטשט געוואָרען ווען זיי האָבען זייער
אַמט בעקליידעט.

דער שיקזאל האָט ניט געקענט אויסקלייבען פאר די-
זעלביגע אויסצייכענונג צוויי מענשען, וועמעס כאראקטע-
רען, וועמעס קאַריערע און וועמעס לעבענס געשיכטע זאָלען
זיין אין גרעסערען געגענזאטץ איינע צום אנדערען, ווי אָט
פון די צוויי מענשען.

ענדריו דזשאהנסאָן איז געווען דער 17-טער פּרעזי-
דענט פון די פעראייניגטע שטאַאטען. ער איז געבוירען
געוואָרען אין נאָרטה קאַראָליינע אין יאהר 1808, און
איז געשטאָרבען אין עלטער פון 67 יאָהר. ער איז געווען
אן אונגעבילדעטער מענש און האָט אָנגעהויבען זיין
פּאָליטישע קאריערע, ווען ער איז ערוועהלט געוואָרען
אַלס קאָנגרעסמאן אין 1843 און אַלס יונייטעד סטייטס
סענאַטאר אין 1857,ביידע מאָל אַלס דעמאָקראַטישער
קאַנדידאט. ער איז ערוועהלט געוואָרען אַלס וויים-פּרע-
זידענט אין דער צייט פון לינקאָלנס צווייטען טערמין און
ווען לינקאָלן איז אין 1865 ערמאָרדעט געוואָרען, איז
ער געוואָרען פּרעזידענט. ער איז אין 1868 אימפּיטשט
געוואָרען פון קאָנגרעס פאר „הויכע פערברעכענס“, און
איז בעפרייט געוואָרען אויפ׳ן טעכנישען גרונד וואָס בלויז
35 שטימען זיינען אָנגעגעבען געוואָרען געגען איהם און
19 פאר איהם, וועהרענד לויט דער קאָנסטיטוציאָן פאָ-
דערט זיך פאר אזאַ פעראורטהיילונג צוויי-דריטעל מאַ-
יאָריטעט. אָדער, צו זיין דייטליכער: ער איז בעפרייט
געוואָרען, ווייל ס׳האָט געפעהלט איין שטימע פאר זיין
גזעטצליכער פעראורטהיילונג.

ענדריו דזשאהנסאָן איז ניט נור געבוירען געוואָרען אין אָרימע אומשטענדען, נור ער איז אויך ערצויגען געוואָרען אין אונוויסענהייט און דלות, און זיין ווייב האָט איהם געמוזט לערנען שרייבען און לעזען. און הגם מען מוז צוגעבען, אַז ער האָט ארויסגעצייגט אַ געוויסע שטאַרקייט פון כאַראַקטער, בלייבענדיג טריי צו זיינע אידעען פון רעכט און אונרעכט, איז ער אָבער געווען גראָב אין זיינע מאַנירען און אונפּאַרזיכטיג אין זיין אַרט ריידען, פּריוואַט און עפענטליך.

פּאַרקעהרט, דייוויד איזראַעלס איז געווען דער פּראָדוקט פון פיעל דורות, וואָס האָבען בעזעסען רייכטהום און בילדונג. זיין אויסזעהן איז געווען גראַד אַזוי אנגענעהם ווי זיין אויפפיהרונג איז געווען שעהן און עלעגאַנט. ער פלעגט בטבע שטענדיג אויסדריקען ערהאבענע געדאַנקען אויף אַ שטילען אופן און זיינע פּערזענליכע מאַניערען זיינען שטענדיג געווען אַזוי איינגעהאַלטען און זעלבסט-בעהערשענד, אַז ס'האָט פיעלע מאָל דערגרייכט דעם פונקט פון מאַנאַטאָנקייט.

ער איז געווען כמעט אַלץ וואָס איהר קענט נור אַ טראַכט טהאָן: אַן אַדוואָקאַט, אַ שריפטשטעלער, אַן אַמאַטער-מוזיקער און אַ גרויסער מומחה אויף קונסט אין אַלגעמיין.

ענדריו דזשאהנסאָן איז ארויפגעשטיגען צו עפענטליכע עמטער דורך מיטלען, וועלכע זיינען כלל ניט געווען קיין שעהנע. ער האָט דערגרייכט דאָס ווייסע הויז דורך דעם צופאַל, וואָס ער האָט בעקלידעט דאָס אונוויכטיגע אַמט פון וויים-פּרעזידענט, ווען פּרעזידענט אייברעהעם לינקאָלן איז דערשאָסען געוואָרען. פון דער אַנדערער זייט האָט דייוויד איזראַעלס קיינמאָל ניט אַ ריהר געטהאָן אפילו מיט'ן מינדעסטען פינגער כדי צו קריגען וועלכע עס איז נאָמינאַציאָן פאַר אַן עפענטליכען אַמט. אפילו זיינע ערגסטע שונאים האָבען ניט געוואגט צו בעהויפּטען, אַז ווען ער האָט רעזיגנירט פון זיין אַמט אַלס מיטגליעד פון דעם סענאַט פון די פּעראייניגטע שטאַאַטען אום צו קאַנדידירען פאַר דעם גאָווערנאַר-אַמט פון שטאַט ניו יאָרק — אפילו זיינע ערגסטע שונאים האָבען ניט

געוואָגט צו בעהויפּטען, אַז ער האָט דאָס געטהאָן צוליעב זיינע פּערזענליכע נוטצען.

און אויב ער האָט עפּעס געטהאָן אָנצורעגען די עפּענטליכע מיינונג אום צו קריגען די נאָמינאַציאָן אַלס פּרעזידענט, האָט ער עס געטהאָן אָהן מיין וויסען.

איך האָב אָבער דאָס געדאַרפט וויסען, ווייל איך בין געווען זיין פּערטרויטער-סעקרעטער, וועהרענד דער גאַנצער צייט פון זיין עפּענטליכער קאַריערע.

דער אמת איז, אַז מר. איזראעלס האָט געפיהלט אַ נאַטירליכען אָבשיי פאר דעם רעש, פאר דעם הו-הא, פאר דעם מיש-מאַש פון פּאָליטיקס, ווי עס קען נור פיהלען אַ מאַן, וועמעס צוריקגעהאַלטענקייט און העפליכקייט איז אויף איהם אַרויפגעצוואונגען געוואָרען, אום צו בעשיצען אַ נאַטור, וואָס איז געווען אַזוי געפיהל-פאָל און עמפּפינדליך ווי די נאַטור פון אַ דעליקאַטנער דאַמע.

„מר. מעקינטאָש", האָט ער מיר איינמאָל געזאָגט, „געדענקט איהר ווי נאַפּאָלעאָן האָט ערקלעהרט, וואָס בעריהמטקייט מיינט? ער האָט עס אָנגערופען דער גרויסער טומעל".

איך וויים, אַז אָט די בעהויפּטונג וועגען מר. איזראעלס עמפּפינדליכקייט וועט דאָס אַלגעמיינע פּובליקום מאַכען צום שטוינען, ספּעציעל ווען מען נעהמט אין אַנבעטראַכט דעם קרעפטיגען טאָן, וואָס בעמערקט זיך אין זיינע שריפטען און רעדען און, נאָך מעהר, ווען מען נעמט אין אַנבעטראַכט דעם פאַקט, אַז ער האָט זיך קיין מאָל ניט גענומען די מינדעסטע מיה צו האַלטען וכוחים מיט מענשען וועלכע האָבען איהם מיסרעפּרעזענטירט, אָדער זאָגען אַ מינדסט וואָרט און פּראָטעסטירען געגען אנפאַלען אָדער פּערזענליכע אָנגריפע אויף איהם. דיעזער מנהג זיינער, וועלכער איז ביי איהם געווען אַ פּרינציפּ, אַ טהייל פון זיין לעבען, האָט ער ניט געענדערט אפילו אין דער צייט פון דעם אימפּיטשמענט-פּראָצעס, אין קאָנגרעס פון די פעראייניגטע שטאַאטען, ווען די עפּענט-

ליבע מיינונג האָט אַלע קניפּען אָפּגעשניטען, אויפגעבראַ-
כען אַלע צאַמען און איז, אין דעם גרויסען טומעל פון דעם
היסטאָרישען אָנפאל אַזוי ווי אַרויס פון די כלים — אפילו
דעמאָלט האָט ער זיך אויף אַ האָר ניט אָבגעקעהרט פון
זיין אַלטען מנהג. ער האָט אויף אַלע ביטערע אַטאַקען פון
זיינע שונאים, אויף אַלע בעליידיגונגען און בלבולים גע-
ענטפערט בלויז מיט איין זאַך — מיט שווייגען.

אָבער קיינער דאַרף ניט מיינען, אַז ער האָט ניט גע-
ליטען קיין גייסטיגע און זאָגאר קערפערליכע שמערצען
פון די שטענדיגע אונגערעכטע אָנגריפען אויף איהם און
פון די אָנפאלען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אויף זיין
עפעטליכער טהעטיגקייט אַלס פרעזידענט. איך קען בע-
שטעטיגען, אַז, אַלס פרעזידענט, האָט ער זיך געמוזט אָנ-
שטריינגען צו לייענען די אויסשניטען פון די צייטונגען,
וועלכע מיר פלעגען פון זיינעטוועגען צוגרייטען. פיעל
מאָל האָב איך בעמערקט ערגערנים אויף זיין געזיכט אי-
בער אַן אונגערעכטער בעהויפּטונג אין אַ צייטונג, וועלכע
ער האָט זעהר לייכט געקענט פארבייגעהן און
ניט שענקען ניט שענקען איה״ אפילו די מינדסטע אויפ-
מערקזאמקייט. איך האָב איהם אַמאָל געטראָפען (ווען איך
האָב פלוצלונג געמוזט איהם פערלאָזען צוליעב אַ וויכטיגער
שליחות) שרעקליך פערזאָרגט. ער האָט זיין קאָפּ בע-
האַלטען אין זיינע ביידע הענד, וועלכע זיינען געווען אָנ-
געשפּארט אויף אַ הויפען צייטונגס-אויסשניטען, און ער
האָט אין גאַנצען אויסגעזעהען פערטרויערט און פערבי-
טערט.

מעהר ווי איין מענש האָט בעמערקט אַ געוויסע עהנ-
ליכקייט צווישען איהם און דעם ריכטער פון העכסטען גע-
ריכט פון די פעראייניגטע שטאַאטען, מר. יוהז, וועלכער
איז געווען זיין פאָרגענגער אַלס גאָווערנאָר פון ניו יאָרק.
גראד ווי יענער, האָט מר. איזראעלם בשום אופן ניט גע-
וואָלט שפּיעלען די פּאָליטיק פון אַ „שמור לי ואשמור לך״,
„היט מיך, וועל איך דיך היטען״. ער האָט אונטער קיי-
נע אומשטענדען ניט געוואָלט אבטרעטען אפילו אויף אַ
האָר פון זיינע פּרינציפּען. ער האָט ניט געוואָלט הערען
וועגען פּשרות דאָרט וואו עס האָט זיך געהאַנדעלט ווע-

גען אידעען און פרינציפען, און צוליעב דעם פלעגט ער שטענדיג אין זיינע פּאָליטישע רעדעס אַפּעלירען צום פער־שטאַנד פון פאָלק — צו זיין אינטעליגענץ.

ער האָט אין זיין עפענטליכען לעבען און פּאָליטישע קאַריערע געליטען פון שרעקליכע שטערונגען און פאָר־אורטהיילען. ערשטענס, צוליעב דעם וואָס ער איז געווען אַ איד, און צווייטענס צוליעב דעם, וואָס ער האָט פון זיינע עלטערן געירש׳ט אַן אונגעהייער גרויסען רייכטהום, וואָס האָט בעטראָפען אין די מיליאָנען. אָבער זיין עהר־ליכקייט, זיין טרייקייט צו די אידעאַלען פון אמת און גע־רעכטיגקייט האָבען די אַלע שטערונגען און פאָראורטהיי־לען בייגעקומען און ער האָט געוואונען אַ גרויסען פּאָלי־טישען זיעג. ווען ער איז ערוועהלט געוואָרען אַלס גאָווער־נאָר פון שטאַאַט ניו יאָרק, האָט אַ לאָיאַלער פּאָליטישען, רעדענדיג מיט מיר, איהם פערדאמט דערפאַר, וואָס די „באָיעס״ האָבען צו איהם אַ „שווערען צו־טריט״ און מיר געזאָגט: „פון דעסטוועגען, מעק, מוז מען דעם גאָווערנאָר געבען אַנערקענונג פאַר איין זאַך ווע־ניגסטענס: ער איז דער פעהיגסטער מאַן צו קאַנדידירען פאַר אַן אַמט, ער איז דער בעסטער קאמפּיינער, וואָס די פּאַרטיי האָט ווען עס איז פערמאָגט״.

„ווי אַזוי, דענקסטו, טהוט ער דאָס?״ האָב איך איהם געפרעגט.

„וועלל, איך ווייס ניט״, האָט ער געענטפערט, „אפשר ווען דערמיט, וואָס ער האַלט אַ רעדע רופט ער ביים עולם אַרויס פערטרויען אין זיין ערנסטקייט און אויפריכטיג־קייט. דער עולם גלויבט איהם, אַז ער זאָגט וואָס ער מיינט און מיינט וואָס ער זאָגט״.

אָבער, הגם איך האָב פריהער גערעדט וועגען מר. איזראַעלס׳ שטערונגען צוליעב דעם, וואָס ער איז געווען אַ איד און אַ מיליאָנער, מוז אָבער דער אמת געזאָגט ווע־רען, אַז ס׳איז טהיילווייז טאַקי צוליעב די צוויי זאַכען, וואָס ער האָט אַנגעהויבען שטייגען אין זיין פּאָליטישער קאַר־יערע. מיט אַנדערע ווערטער, ווען די פּאָליטישע פיהרער

פון גרויס ניו יאָרק האָבען זיין נאָמען ארויסגעשטעלט פאר דער גאָווערנאר-קאַנדידאַטור, האָבען זיי דאָס געטהאָן ניט נור אויף דעם גרונד, וואָס מר. איזראַעלס איז געווען אַ גרויסער פילאַנטראָפּ, אַ בערימהטער אויטאָריטעט און פּערפאָסער איבער וויכטיגע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיש-עקאָנאָמישע ענינים און דער פרייגיביגסטער בירגער פאר אַלע עפענטליכע אונטערנעהמונגען און בעוועגונגען פון פּאָלק׳ס טובה וועגען, נור זיי האָבען דאָס אויך געטהאָן דערפאר, ווייל זיי האָבען געהאָפט דורך זיין נאָמען צו געווינען די גרויסע מאַסען פון די אידישע בירגער פאר זיין קאַנדידאַטור און פאר זייער פּארטיי. און ניט ווע‌ני- גער אויך דערפאר, וואָס זיי האָבען ערוואַרטעט, אַז ער וועט אַנפילען דער פּארטיי׳ס קאַסע און דורך דעם זי מאַ- כען „קאַמפּפּס-פעהיג“ פאר דער קומענדער פּאָליטישער מלחמה. מען קען זיך דערפאר פאָרשטעלען די אונאַנגענעה- מע איבעררראַשונג פון די פּארטיי-פיהרער, ווען זייער קאַנ- דידאַט האָט די אידען ערקלעהרט, אַז אויב זיי ווילען אָבגעבען זייערע שטימען פאר איהם אַלס אידען און ניט אַלס אַמעריקאַנער, דאַרפען זיי זיך פאר דעם שעהמען. און די דאָזיגע אונאַנגענעהמע איבעררראַשונג איז נאָך גע- ווען גאָר ניט אין פערגלייך מיט דעם וואָס זיי האָבען געפיהלט ווען זיי האָבען געזעהן, אַז זייער קאַנדידאַט האָט גאָר ניט בייגעשטייערט פאר זיין קאַמפּיין-פאָנד. איינער פון די פּאָליטישע „באָיעס“ האָט זיך צו מיר וועגען דעם ענין אַזוי אויסגעדריקט: „מר. איזראַעלס׳ געלד איז אַזוי פארלעגערט, אַז ס׳איז אַזש פערשטויבט געוואָרען און ס׳וואָלט געווען אַ גוטע זאַך דעם שטויב דערפון ארונ- טערצושארען, אפשר וואָלט דאָס אַביסעל לייכטער מא- כען די משא פון זיין שווערען געלד-בייטעל“. אָבער מר. איזראַעלס האָט געהאַט זיין אייגענע פּאָליטיש-פילאָזאָפי- שע אנשויאונג. ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז אַזוי ווי ער גיט אַוועק זיין גאַנצע צייט דער פּאָליטיק און דעם קאַמפּיין, און עס בלייבט איהם גאָר קיין צייט ניט פאר פילאַנטראָ- פּישע און אַנדערע קהל׳שע טהעטיגקייט, מוז ער דער דאָ- זיגער טהעטיגקייט וועניגסטענס ווידמען זיין פערמע- גען. מיט זיין ווייט- און טיעף-זעהענדען בליק האָט ער

איינגעזעהן, אז זיין בעשלום צו ווידמען דער פּאָליטיק זיין
צייט און דער פילאנטראָפּישער טהעטיגקייט זיין געלט,
וועט אויפ׳ן בעסטען אופן נוצען ברייננגען פאר די אינטע-
רעסען פון דער גרעסטער מעהרהייט פון פאָלק, און וועט
צופריעדענשטעלען זיין אייגענעם געוויסען.

און רעדט מען וועגען פיעל פון זיינע פּאָליטישע ער-
פאָלגען איז ווירקליך שווער צו זאָגען אויב זיי זיינען גע-
קומען דערפון, ווייל „די בראווע האָבען גליק“, אָדער
ווייל „די קלוגע האָבען מזל“. בעטראכטענדיג זיין גאַנצע
פּאָליטישע קאַריערע, בעגעגנען מיר זיך פנים אל פנים מיט
דעם מאָדנעם פאַקט, אַז זאָגאַר אין פּראַקטישער פּאָליטיק
איז ער געווען מעהר ערפאָלגרייך איידער יענע דורכגע-
טריבענע, אויסגעריבענע פּאָליטישענס, וועלכע פלעגען
איהם פערשרייען, פערשפּאָטען און פערלאַכען, אַלס „טרוי-
מער“ און „אידעאַליסט“. זיין יעדע עפענטליכע האַנדלונג
איז געווען דער פועל-יוצא פון דעם לאָגישען שלום, צו
וועלכען ער איז געקומען נאָך דעם ווי ער האָט גענוי בע-
טראכט, געוואויגען און געמאָסטען די פאַקטען וועגען
יעדער פראַגע און ענין, וואָס האָבען געפאָדערט פון איהם
אַן עפענטליכע שטעלונג. אַזוי צום ביישפּיעל פלעגט ער
שטענדיג אויסמיידען יעדען האָטעל, וואָס האָט ניט אויפ-
גענומען קיין אידען אַלס געסט, בשעת פיעלע פון זיינע
פּאָליטישע קאָלעגען וואָלטען בעסער געווען צופריעדען
איהם צו זעהן אין דער ראָלע פון איינעם, וועלכער זוכט
אויסצומיידען יעדע בעקענונג צום יודענטהום. עס וועט
אָבער זיין אַ גרויסער טעות צו דענקען, אַז ער האָט אַזוי
געהאַנדעלט, ווייל ער האָט געזוכט נושא-חן צו זיין ביי
דעם אידישען עולם און צו געווינען זיינע אפּלאָדיסמענ-
טען.

קיין פּאָליטיקער האָט ניט געהאַט מעהר פערטרויען
ווי ער אין דער עהרליכקייט און אינטעליגענץ פון דעם
פובליקום וואָס פלעגט קומען הערען זיינע רעדעס. ער
האָט זיך קיינמאָל ניט „ארונטערגעלאָזען“ צום פובליקום,
קיין אונטערשיעד ניט צי זיינען דאָס געווען די איינ-
וואָהנער פון די טענעמענט הייזער, מינען-אַרבייטער,

סוועט-שאָפּ אַרבייטער און פאַרמער, אָדער צי דאָס איז גאָר געווען אַ פּובליקום פון די רייכע נאָכבארשאפטען, אָדער פון סטודענטען, שרייבער און אינטעליגענטען, אָדער פון געשעפטס-לייט. ער האָט תמיד געגלויבט, אַז זיין פּובליקום האָט פון איהם ערוואַרטעט, אַז ער זאָל אין זיין רעדען און בענעהמונג פּערזאָניפיצירען די בעסטע טראַדיציעס און די ערהאָבענסטע אידעאַלען פון אַ דזשענטעלמאַן. ער האָט געהאַט אַ פעסטען גלויבען, אַז זיין פּובליקום איז על פּי רוב בעשטאַנען פון אינטעליגענטע און עהרליכע מענשען, וועלכע שטרעבען צו רעכט, ניט נור פאַר זיך אַליין, נור פאַר דער גאַנצער וועלט. איך האָב געזעהן פערזאַמלונגען, וועלכע זענען בעשטאַנען פון אַ פּובליקום, וואָס האָט ערשט מיט אַ פּאָר מינוטען צוריק געהירזשעט ווי אַ פערד איבער אַ פוילען וויץ; וואָס האָט פערטויבט די לופט מיט אַפּלאָדיסמענטען, ווען אַ רעדנער האָט אַפּעלירט צו זיינע נידריגסטע געפיהלען און פאָראורטהיילען — איך האָב געזעהן, ווי דאָסזעלביגע פּובליקום, דיזעלביגע מענשען אונטער דער השפעה פון מר. איזראַעלס׳ן זיינען ווי ניי-בעשאַפען געוואָרען: אַ ניי געשטאַלט האָט דאָס פּובליקום בעקומען. ווי פער׳כשופטע זיינען דיזעלביגע מענשען געזעסען און געשלונגען יעדען וואָרט פון רעדנער.

און דאָך, מאָדנע ווי עס איז, אונגלויבליך ווי עס שיינט, דיעזער מאַן, וועמענס גאַנצע פּאָליטישע שטאַרקייט איז בעשטאַנען אין דעם פערטרויען וואָס דאָס פּאָלק האָט געהאַט צו איהם — אָט דיעזער מענש האָט איינמאָל אויפגעוואַכט אין אַ שעהנעם, לויטערען פריהמאָרגען און האָט ערפאהרען, אַז די זעלביגע מענשען, דאָס זעלביגע פּאָלק, וואָס האָט איהם אויפגעהויבען צו זיין הויכער פּאָליטישער מדרגה וויל איהם ארונטערשליידערען אין טיעפען אבגרונד.

נאָך מעהר, דער דאָזיגער מענש וועלכער איז געווען דער וואַרימסטער פערטהיידיגער פון דער אידעע פון וועלט-פריעדען, האָט אין מיטען פון זיין אַמטס-טערמין אַלס פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַאטען זיך גע-

האָט צו רעכענען מיט אַן אויפגעקאָכנער, אויפגעברויזטער, נקמה-זוכענדער און בלוט-דורשטיגער עפענטליכער מיינונג, וואָס האָט נור געקענט געפינען איהר בעפריעדיגונג אין מלחמה.

II

ווענען פרעזידענט איזראעלס „אינאָוגיוראל אדרעס", האָבען פיעלע בעמערקט, אַז די דאָזיגע רעדע איז געווען אַ זעהר מאָנאָטאָנע. דאָך ווען איך לעז אצינד די דאָזיגע רעדע ווער איך איינפאַך ערשטוינט און פערוואונדערט ניט נור פון איהר שעהנקייט און געזונטער לאָגיק, נור אויך פון איהר פראָפעטישער שטאַרקייט, וועלכע זעהט זיך אַצינד אַם קלאָהרסטען אַרויס, ווען מען נעהמט אין אַנבעטראכט די שווערע טעג און די ביטערע ערפאהרונגען, וואָס דער פרעזידענט האָט געמוזט דורכמאַכען אין ווייסען הויז.

אין פיעלע הינזיכטען איז מר. איזראעלס געווען אַ מאָדנער און ניט-געזעלשאַפטליכער מענש. אַמאָהל האָב איך געפיהלט אַז זיין נאַטור איז געווען אַזעלכע, דאָס ער האָט זעהר געגארט נאָך פריינדשאפט און געזעלשאַפטליכקייט, און דאָך — צי עס איז געווען צוליעב זיין פינקטליכער און אויסערגעוועהנליכער העפליכקייט, וואָס יעדער האָט זיך געהאַלטען פון איהם פון דערווייטענס, אָדער עס איז געווען צוליעב דעם, ווייל די וועלכע זיינען מיט איהם אין בעריהרונג געקומען האָבען געשפירט, אַז איהם פעהלען די קליינע שוואכקייטען און ליידענשאַפטען, וואָס העלפען אַזוי אָפט צו פערבינדען און צו דערנעהנטערען אַ מענשען צו זיינע מיטמענשען, — ווי די זאַך זאָל ניט זיין, עס איז אַ פאַקט אַז אפשר מיט דער אויסנאַהמע פון זיין שוועסטער, די אלמנה, וועלכע איז געווען זיין עקרת הבית אין אָלבאני, ווען ער איז געווען גאָווערנאר און אין וואַשינגטאָן, און ווען ער איז געווען פרעזידענט, איז קיינער ניט געקומען אין גאָר נאָהענטער בעריהרונג מיט איהם. אויב ער האָט יא וועמען עס איז ערקלעהרט פאר וואָס ער איז קיינמאָל ניט געווען פערהייראטה, האָט ער וועניגסטענס מיר דעם סוד ניט פערטרויט. און חאָטש איך

קען זאָגען אַז ער האָט צו מיר געהאַט דעם פולען צוטרויען אין די פיעל יאָהר וואָס איך האָב מיט איהם געאַרבייט צוזאמען. פון דעסטוועגען האָב איך נור אַ מאָל, זעהר זע/-טען געפיהלט אַז איך בין געקומען אין נאָהענטער בעריהרונג מיט זיין אינעוועניגסטער נאַטור, און דאָס נור אויף אַ קורצען מאָמענט.

איך בין אָבער אין דער לאַגע צו ערקלעהרען דיא שטעלונג וואָס פרעזידענט איזראַעלס האָט גענומען אין דעם ערנסטען סכסוך צווישען אונזער לאַנד און דייטשלאַנד, אַ שטעלונג, ביי וועלכער ער איז פעסט געבליבען אפילו נאָך דער אומגליקליכער פאַסירונג פון דער ערמאָרדונג פון אַמעריקאַנישע מאטראזען, וועלכע האָט ארויסגערופען דעם גרימצאָרן פון אונזער גרויסער נאַציאָן.

אום צו פערמיידען אַ טעות איז נויטהיג אויפמערקזאם צו מאַכען, אַז ער איז ניט געווען קיין אָנהענגער פון טאָלסטאיס לעהרע, דאָס מען דאַרף זיך ניט וועהרען און זיך שטעלען מיט געוואלט אנטקעגען; אַז ער האָט ניט געגלויבט אַז מען דארף זיך ניט פערטהיידיגען, ווען דער שונא גרייפט אָן. די גאַנצע פילאזאפישע וועלט-אנשויאונג פון פרעזידענט איזראַעלס, זיינע אַלע פאָליטישע שטודיען און זיין גאַנצעס וויסען זיינען געווען בעגרינדעט אויף דעם געזעטץ פון לאָגיק, אויף דעם גאַנג פון דער נאַטור-געשיכטע, דאָס הייסט, אַז זיין גאַנצע פאָליטישע פילאזאפיע איז געווען בעגרינדעט אויף דער נאטור-וויסענשאַפטליכער ערקלעהרונג מכח דעם אורמענשען, וועמען די וועלט האָט נאָך ביז אַצינד צו פערדאנקען איהר ווילדקייט און בלוט-דורשטיגקייט. ער האָט געגלויבט אַז שטאַרקע בעוואפענטע רעגיערונגען וועלען נאָך מוזען עקזיסטירען אין לויף פון פיעלע יאהרהונדערט, ווייל ער איז געווען איבערצייגט, אַז דאָרט וואו עס עקזיסטירט אייגעננוץ און אייגענליעבע, דאָרט מוז אויך עקזיסטירען אַ צענטראליזירטע, בעוואפענטע מאַכט: ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ס'איז נור אַ קורצע צייט פארביי זייט דער מענש האָט זיך קוים עטוואָס בעפרייט פון זיין בארבאריזם. ער איז געווען איבערצייגט, אַז מיר וועלען תמיד האָבען

לעבען זיך אָבגעשטאַנענע פעלקערשאַפטען, גראדע ווי
מיר וועלען בעגעגנען צווישען אונז די איינצעלנע ריק-
שטענדיגע אינדיווידיומס נאָך פאר פיעלע דורות; אָבער
ער האָט געגלויבט אַז וואָס מעהר די פעלקער ווערען אָב-
העננגיג איינער פון דעם אַנדערן דורך דער פערשפרייטונג
פון אייזענבאהנען, דורך דעם שנעל-פערקעהר פון די מאָ-
דערנע שיפען, דורך דעם טעלעגראף, קייבעל, טעלעפאן,
דראַטלאָזער טעלעגראפיע און דורך דעם אַלגעמיינעם ריע-
זיגען פאָרטשריט, וואָס די מאָדערנע ציוויליזאציאָן מאַכט,
אַלץ מעהר און מעהר, וועלען די פעלקער זיך צוגעוואוי-
נען צו די אידעאַלען פון דעמאָקראטיע, זיי וועלען זיך
אַלץ מעהר און עפטער אַליין רעגירען, און דאָס וועט ענד-
ליך פיהרען דערצו אַז דאָס געוויסען פון די פעלקער וועט
ערוואכען און מאַכען אונמעגליך אויף דער גאַנצער
וועלט אַ צושטאַנד פון אונטערדריקונג און אונגערעכטיג-
קייט, וועלכע וועלען זיך ווארפען אין די אויגען ווי אָפענע,
צויאטריטע וואונדען. — אונטערדריקונג אין נאָמען
פון דער רעגיערונג, וועט דאַן זיין גראדע אזוי אונמעגליך
ווי עס איז אונמעגליך פאר אַ מענשען צו אונטערדרי-
קען זיין שכן דאָרט וואו די פרינציפען פון פערזענליכער
פרייהייט און גערעכטיגקייט זיינען איינגעפיהרט.

אַזוי האָט פאַסירט, חאָטש פיעלע מענשען האָבען
ניט געקענט פערשטעהן דעם געדאנקענלויף פון פרעזידענט
איזראעלס, וועלכער איז געווען אַ ווארימער פריינד פון דער
ארמעע און פון דער פלאָטע, אפילו ווען די מאַכט זאל
בלויז בענוצט ווערען אַלס פאָליציי-שוטץ. — „געווים“
האָט ער מיר אַמאָל געזאָגט — „אויב מיר האָבען בדעה צו
האָבען אַן ארמעע און אַ פלאָטע, דאַרפען מיר זעהן, אַז זיי
זאָלען זיין שטארק און ווירקזאם“. און אַזוי האָט ער טאַקע
געהאַנדעלט. ער האָט זיין גאַנצע קראפט, זיין גאַנצע אָפי-
ציעלע מאַכט אָנגעווענדעט צו מאַכען די אַרמעע און
פלאָטע שטארק און קאמפּספעהיג. ער האָט דאָס גע-
טהאָן אין דער זעלבער צייט, וואָס ער האָט מיט לייב
און זעעלע געארבייט פאר דער איינפיהרונג פון דעם
פרינציפּ פון אַרביטריישאָן צווישען די פעלקער און האָט
מיט אַלע זיינע כחות בעקעמפפט די שטרעבונגען פון די

רעגירונגען איבערצושטייגען איינע די אַנדערע אין זייערע בעוואפנונגען. און כאָטש פּרעזידענט איזנהאַוער האָט געגלויבט אַז מאַכט קען ניט אָבגעשוואכט ווערען אַזוי לאַנג ווי זעלבסטזוכט און עגאָאיזם וועלען ניט אָבגעשוואכט ווערען, האָט ער דאָך געהאַט אמונה אין דער ווירקזאמקייט פון דעם מאָראַלישען געזעץ. ער איז געווען איבערצייגט, אַז ווען מען וויל זיך ערנסט בענוצען מיט אָט דעם געזעץ, ווען מען אַפּעלירט צו דעם מאָראַלישען געפיהל אין דעם מענשען, פערפעהלט עס קיינמאָל ניט צו ווירקען צווישען איינצעלנע, גראַדע ווי צווישען גרופּען מענשען. ער האָט געגלויבט אַז די רעגירענדע קרעפטען פון די פעראייניגטע שטאַאַטען און אַזוי אויך פון דייטשלאַנד בעזיצען אַזעלכע מאָראַלישע געפיהלען; און דערפאַר האָט ער געגלויבט, אַז די מיספערשטענדניסען וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישען דייטשלאַנד און די פעראייניגטע שטאַאַטען זיינען אַזעלכע, וואָס האָבען בעאיינפלוסט יעדע פון דיביידע שטרייטענדע לענדער צו גלויבען אַז זיי זייגען גערעכט און אַז געגען זיי איז בעגאַנגען געוואָרען אַ גרויסע עולה. עס איז דערפאַר געווען גאַנץ נאַטירליך צו ערוואַרטען, אַז אַ שיעדס-געריכט וועט קענען אויסגלייכען די סכסוכים, אַ זאַך וואָס די פעראינטערעסירטע לענדער האָבען אליין ניט געקענט טהאָן.

נעהמענדיג אַזאַ שטעלונג — חאָטש דאָס האָט געפיהרט צו דער רעזיגניישאַן פון סעקרעטארי או סטייט — האָט פּרעזידענט איזנהאַוער בעטאַנט אויף אַזאַ קרעפטיגען אופן ווי נור מעגליך אין זיינע אָפּטע דעפּעשען צו דייטשלאַנד, אַז נור דאַן קען זיין אַ נויטווענדיגקייט פאַר אַ מלחמה ווען די רעגירונגען אַליין וועלען זיך ערלויבען אריינגעצויגען צו ווערען אין דעם שטראָם פון געדאַנקענלאָזען טומעל. מיט דער הילף פון דעם דייטשען געזאנדטען אין וואשינגטאָן, וועלכער פערדיענט אַ גרויסען דאנק פאַר זיינע אויפריכטיגע בעמיהונגען פאַר שלום, האָט דער פּרעזידענט פון אָנפאַנג אָן געמאַכט אַ זעהר שטאַרקע ווירקונג אויף דער דייטשער רעגירונג, ביים סאמע אָנהויב פון די פערהאנדלונגען. און העכסט וואַרשיינליך.

וואָלט עם פּרעזידענט איזראעלם געלונגען צו פערטרייבען
די מלחמה-וואָלקענס, אויב דער פּרעזידענט וואָלט געקענט
אויספיהרען ביי דער דייטשער רעגיערונג אויפצוגעבען
איהרע קריעגס-פּאָרבערייטונגען און מאָביליזאציאָן. אָבער,
ווי בעוואוסט, האָט די ידיעה וועלכע אונזערע צייטונגען
האָבען געבראַכט וועגען דער ערמארדונג פון אונזערע מא-
טראָזען געפיהרט צו אַן עקספּלאָזיאָן, וועלכע האָט אויפ-
געריסען אַלע דינאַמיט-מאַגאַזינען אין דייטשלאנד און די
רעגיערונג אין בערלין האָט זיך אונטערגעגעבען אונטער
דעם טומעל פון דעם המון. מיט דער גרויסער דיסציפּלין
און אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייט פון איהר אַרמעע
האָט זי אויסגעשטאַטעט איהר פלאָטע, מאָביליזירט איהר
ארמעע פאר אָנגריף און פערטהיידיגונג און אַ חוץ דעם
האָט זי נאָך צוגעצויגען די האַנדעלם-שיפען צו איהר גרוי-
סער פלאָטע.

נור איין גאָט ווייס, וואו דער פּרעזידענט האָט גענו-
מען מוטה און קוראזש צו בלייבען פעסט ענטשלאָסען גע-
גען מלחמה, ווען ער האָט ערפאהרען, אַז דייטשלאנד
גרייט זיך טאַקי אויף אַן אמת צו פאר מלחמה. די פיעלע
שטונדען נאָכדעם ווי די נייעס איז בעקאנט געוואָרען,
האָט ער פערבראַכט אין ערנסטע זאָרגען און טיעפען
שמערץ אין זיין פּריוואַט-צימער. איך האָב איהם געזעהען
ווי ער האָט ארומשפּאציערט הין און צוריק אין זיין צי-
מער, און הגם אויף זיין פּנים איז געווען צו מערקען סמנים
פון גרעסטען צער און טיעפסטען קומער, וואָס איך האָב
ווען עס איז בעמערקט אויף אַ מענשען, דאָך ווען ער האָט
זיך געווענדעט צו מיר, אום מיט מיר צו ריידען וועגען
דער לאַגע, האָט זיין געזיכט אַרויסגעוויזען אַזוי פיעל
צערטליכקייט, און אַזאַ ווייכקייט וואָס איך האָב נאָך קיין
מאָל אין מיין לעבען ניט בעמערקט אויף אַ מענשליכען
געזיכט. ער האָט זיך געווענדעט צו מיר: „מר. מעקינ-
טאָש, האָט איהר נאָכגעדיינקט וועגען די בעווייזען וועל-
כע מיר געפינען אומעטום, אַז אין אַלע צייטען האָט גע-
ווירקט אַן אינטעליגענטע קראַפט ארויסצוברענגען דעם
מענשען אין דער פאָרמע ווי ער איז אַצינד? האָט איהר
בעמערקט, אַז ניט קוקענדיג אויף די אונצעהליגע שטע-

רונגען, איז דער מענש אַרויסגעבראכט געוואָרען אונבע־
שעדיגט דורך פערשיעדענע פאָרמען פון צעהנדליגע טוי־
זענדע בעשעפּעניסען, — אַ פּראָצעס וועלכער האָט געדוי־
ערט מיליאָנען יאהרען?"

איך האָב עפּעס געמורמעלט כלומרשט אַלס ענטפער
אויף די פראגען, צו וועלכע איך בין ניט געווען פאָרבע־
רייט.

„דער גרויסער דענקער שאלער בעהויפּטעט" האָט
דער פּרעזידענט ווייטער צוגעגעבען, „אַז ווען עס וואָלט
מעגליך זיין לעבעדיג צו מאַכען אַלע די פערשיעדענאַר־
טיגע בעשעפּעניסען פון גרויען אַלטערטהום, דורך און
פון וועלכע מיר זיינען געוואָרען דאָס וואָס מיר זיינען
אַצינד. און ווען די דאָזיגע בעשעפּענישען וואָלטען בע־
שטאַנען, ווי איך שטעל מיר פאר, פון אַן איינפאכען שטי־
קעל פּראָטאָפּלאזם וואָס בעזיצט זעהר אַ נידעריגען סאָרט
לעבענס-קראפט ביז צו דער פאָלקאָמענער פאָרם פון דער
מאַלפּע — ווען די אלע ברואים וואָלטען געקענט דורכגע־
העז פאר אונזערע אויגען מיט דער שנעלקייט פון אַ מאַר־
שירענדער ארמעע, וואָלט עס געדויערט גאַנצע טויזענד
יאהר און אפשר נאָך מעהר ביז מיר וואָלטען געקענט
זעהן דעם דורכגאַנג פון דער גאַנצער פּראָצעסיע ביז צו
איהר ענדע. איהר מוזט געדיינקען, אַז דער דאָזיגער
מאַרש וואָלט בעשטאַנען פון בלויז איין פערטרעטער פון
יעדען מין פון דיעזע בעשעפּענישען אַזוי אַז יעדער בעזונ־
דער מין וואָלט פאָרגעשטעלט אַ בעשטימטע פּעריאָדע
פון דער וועלטס-ענטוויקלונגס-פּראָצעס. און, בעטראכט
נור! ווען אפילו נור איינע פון דיעזע חיות וואָלט ניט
געהאָט בעזייטיגט די אַלע שטערונגען וואָס זי האָט בע־
געגנט אין איהר בעזונדערער ענטוויקלונגס-ספערע, — אַ
קאַמפּף, וועלכען זיי אַלע האָבען אָנגעפיהרט, פאָלגענדיג
אַ פערבאָרגענע קראפט פון דער נאַטור, וואָס זיי האָבען
ניט געקענט פערשטעהן — ווען אפילו איינע פון די חיות
וואָלט זיך אָבגעשטעלט אין דעם מאַרש פון דער וועלט־
ענטוויקלונג צוליעב אָט דער שטערונג, דאמאלט וואָלט
געוואָרען אָבגעהאלטען די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון

שטאַרקערע און העכערע טיפען פון די בעשעפענישען, וועלכע זיינען געקומען נאָך זיי. און דער פועל יוצא וואָלט געווען, אַז ס'וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען אַזאַ בעשעפענים ווי דער ווידער „מענש", ווי מיר קענען איהם איצטער.

„ווען" — האָט דער פרעזידענט ווייטער פאָרטגעזעצט — „איך דענק, ווי אַזוי די דאָזיגע גרויסע שעפּפונגסדראמע האָט זיך אָבגעשפּיעלט אונטער דער דירעקטער קאָנטראָלע פון דעם „גרויסען מייסטער" און „וועלט־ארכיטעקט", מוז איך מיך בעמיהען צו האַנדלען אין אָנקלאַנג מיט זיין גרויסען ענדציעל... איך מוז מיך אנשטרענגען אויסצוגעפינען ווי איך קען איהם אַם בעסטען דיענען".

איך האָב איהם אויף דעם מעכאַניש געענטפערט:

„איך דיינק, אַז איך פערשטעה אייך".

ווי שנעל ס'האָבען זיך געדרעהט די רעדער, ווי פלאך עס זיינען פערביינגעפלויגען די געשיכטליכע פאַסירונגען, בלויז אין אַ קליינעם שטח פון איין חודש צייט!

אפילו אַצינד ווערט מיין קאָפ פערדרעהט, ווען איך דערמאָהן זיך אַן די געשעהענישען, וועלכע זיינען פערבייגעפלויגען מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ אזוי ווי אין אַ חלום.

III

נאָך יענער נאַכט, אין וועלכער דער דיפּלאָמאַטישער שטורם האָט אויסגעבראָכען און די מיטגליעדער פון קאַבינעט זיינען געווען בעטהייליגט אין אַ זיצונג, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט, איז פאָרגעקומען די רעזיגנאַציאָן פון די מיניסטאָרען פון קריעג און פלאָטע. מען האָט מיר דערצעהלט אַז אין פערלויף פון דער גאַנצער לאַנגער נאַכט, ווען יענע היסטאָרישע קאַבינעט־זיצונג איז אָבגעהאַלטען געוואָרען, איז דער פרעזידענט געזעסען מיט אַן ענטשלאָסענער אייזענשטארקער מינע און האָט אַלץ געזאגט: „מיינע העררען, עס טהוט מיר זעהר לייד, אָבער איך קען ניט ערלויבען אַז אונזער לאנד זאל זיך בעוואפנען". אויב איך מעג מיר ערלויבען אַן אונפארזיכטיגקייט, קען איך איבערגעבען נאָך זעהר אַן אינטערעסאנ-

טען אינצידענט, וועלכער איז פאָרגעקומען ביי יענער
אונגליקליכער פערזאמלונג: ווען די מאָרגענשטראהלען
האָבען אָנגעהויבען ארייגצושיינען אין די פענסטער פון
צימער, וואו די קאבינעט־זיצונג איז אָבגעהאַלטען געוואָ־
רען האָבען צוויי קאַבינעט־מיטגליעדער אויסגעגאָסען זיי־
ער גאַנצען צאָרן, זייער גאַנצע גאל און ביטערקייט, וואָס
האָט זיך ביי זיי אָנגעזאמעלט דורך דער גאַנצער צייט
זינט דאָס פייער פון מלחמה־גייסט האָט זיך אָנגעצונדען אין
לאנד, יעדען איינעם פון די הערען, האָט מען מיר דער־
צעהלט, האָט דער פרעזידענט געגעבען דעמזעלביגען ענט־
פער, נעמליך, אַז הגם עס איז איהם ניט געווען שווער
צו פערשטעהן זייער שטאַנדפונקט, דאָך קען ער זיין בע־
שלום ניט ענדערען, און אַז ער איז גרייט צו טראָגען אויף
זיינע אייגענע פלייצעס די פולע פעראַנטוואָרטליכקייט.

דער צאָרן פון פאָלק געגען דייטשלאנד איז געוואַק־
סען ביז דעם העכסטען פונקט, ווען עס איז בעקאַנט גע־
וואָרען אַז די צוויי קאַבינעט־מיטגליעדער אַשבי און ליו־
טאָן האָבען רעזיגנירט פון זייערע עמטער. דער פרעזידענט
האָט זיך ענטזאגט אפילו אַ פינגער אויפצוהויבען אום פאַר־
צובערייטען אונזער לאנד געגען די בעוואַפענטע קריעגס־
שיפען און בעוואַפענטע דייטשע חילות, וועלכע זיינען דאַן
מאָביליזירט געוואָרען. אויב אפילו דעם פרעזידענטס
נאָהענטסטע און וואַרימסטע פריינד זיינען געווען ער־
שטוינט פון זיין האַנדלונג, איז עס שוין ניט קיין וואונדער,
וואָס פון אַנדערע מענשען אין און אויסער דעם קאָנגרעס
האָבען אויסגעדרוקט זייער פערדאמונג גע־
גען פרעזידענט. מיר האָבען פערשטאַרקט די פאָ־
פאָלציי־וואך און די געהיים־פאָליציי און מיר האָבען דעם
פרעזידענט פאקטיש געמאַכט פאר אַ פריזאָנער אין ווייס־
סען־הויז, דאָך בין איך געווען זעהר אונרוהיג וועגען דער
זיכערקייט פון פרעזידענט׳ס לעבען, ווייל כ׳האָב מורא
געהאט, טאָמער געפינען זיך צווישען דער פאָליציי און די
דעטעקטיווס אַליין איינציגע וועלכע וועלען עס בעטראַכטען
אַלס אַ גרויסע נאָבעלע טהאט אָבצוראמען דעם פרעזידענט
פון דער וועלט.

דערווייליע האָבען אין קאָנגרעס ביידע, אי די מאיא־

ריטעט און די מינאָריטעט-פּאַרטייען, זיך געאײלט פאַר-
צובריטען רעזאָלוציאָנען צו אימפּיטשען דעם פּרעזידענט.
אפשר איז דאָס געווען אַ געלעגענהייט פאַר אַזעלכע מיט-
גליעדער פון קאָנגרעס וועלכע האָבען צו איהם געהאַט
טענות פאַר פּערזענליכע קריוודעס זיך איצט מיט איהם
אָבצורעכענען. נור צוויי אָדער דריי פון דעם פּרעזידענטס
פריינד האָבען געוואגט צו ריידען אַ פריינדליך וואָרט פאַר
איהם, און דאָס בעסטע וואָס די געלאסענע מיטגליעדער
פון קאָנגרעס האָבען געקענט טהאָן איז געווען צו שטיצען
זיך אויף דעם פּרעצעדענט, וועלכער איז פעסטגעשטעלט
געוואָרען אין דעם אימפּיטשמענט פּראָצעס פון ענדריו
דזשאַהנסאָן און אָנצונעהמען רעזאָלוציאָנען וואָס בעפאָל-
מעכטיגען דעם געריכטס-קאָמיטע „צו אונטערזוכען די
עפענטליכע אויפפיהרונג פון דייוויד איזראעלס, פּרעזי-
דענט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען, און צו בעריכטען
אויב ער האָט זיך פערשולדיגט פאַר האַנדלונגען, דורך
וועלכע ער האָט בעצוועקט אומצוואַרפען אָדער אונטער-
צוגראָבען די רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאַאַטען“.

עס האָבען געשטראָמט אריין און ארוים סענאַטאָרען
און קאָנגרעסלייט אין דעם ווייסען הויז און מיט זיי זיי-
נען אויך געקומען פיעל פּאָליטישענס און אנדערע פּערזאָ-
נען, וועלכע זיינען געלאָפען פון אַלע טהיילען פון לאַנד
קיין וואַשינגטאָן אום צו פרעגען דעם פּרעזידענט אין וועל-
כען אומגליק, אין וועלכען אבגרונד וויל ער די פּאַרטיי
פערפיהרען? די סענאַטאָרען און קאָנגרעסלייט זיינען
אויך געווען בעזארגט וועגען דעם, אַז וויבאלד דער פּרע-
זידענט לאָזט ניט צו אַז די אַרמעע און פלאָטע זאָלען זיך
בעוואפנען, מיינט עס, אַז ער לאָזט ניט צו אַז דער קאָנג-
רעס זאָל קענען ערקלעהרען קריעג דייטשלאנד, אויב דער
קאָנגרעס זאָל געפינען אַזאַ שריט פאַר נויטיג. מיט די
סענאַטאָרען און קאָנגרעסלייט, וועלכע האָבען אויפריכטיג
געוואָלט פערשטעהן דעם פּרעזידענט׳ס שטעלונג, איז ער
דורכגעגאנגען די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ צווישען אונזער
לאַנד און דייטשלאַנד און ער האָט פאַר זיי פאָרגעלעגט
אַלע פאַקטען בנוגע דעם גאַנצען ענין. ער האָט אָנגעדייט,
אַז פון אָנהויב אָן האָט ער קיינמאָל ניט געגעבען קיינעם

קיין אורזאך צו דיינקען, אַז ער צווייפעלט אין דעם אַז די דייטשע רעגיערונג וועט האַנדלען אויף אַן עהרליכען אופן, ווי עס פּאַסט פאר אַ גרויס קולטור-לאנד. ער האָט בעטראכט די ערמאָרדונג פון די אַמעריקאַנישע מאַטראזען פאר אַן אומגליקליכען טעות און אַלס פּועל יוצא פון אַן איבערגעטריבענער פּאטריאטישער אויפרעגונג, און ער האָט אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז דייטשלאנד וועט מסתמא אַלץ פערגיטיגען, ווי עס פּאַסט פאר אַ פאָלק, וואָס איז אַ מוסטער פון ציוויליזאציאָן פאר דער גאַנצער וועלט. דער פּרעזידענט איז געווען אימשטאַנד צו ווייזען אַ קאָפּיע פון יעדער דעפּעשע אין וועלכער ער האָט געמאַכט קלאָהר זיין שטאַנדפּונקט, אַז ער האָט דעם פולען פערטרויען אין דער גרויסמוטהיגקייט פון דער דייטשער רעגיערונג, און אַז אונזער רעגיערונג איז גרייט איבערצולאָזען די גאַנצע אנגעלעגענהייט צו דער דייטשער רעגיערונג אַז זי אליין זאָל פאָרשלאָגען וואָס פאר א פאָרמע די פערגיטיגונג זאָל אָננעהמען. וואָס אַנבעטרעפט דייטשלאַנד׳ס פאָרבערייטונגען פאר מלחמה, אויף דעם האָט דער פּרעזידענט אָנגעצייגט, אַז ער האָט דאָס אָפיציעל קיינמאָל אין בעטראכט ניט גענומען, הגם ער האָט אינסטרואירט אונזער אמבאסאדאָר אין דייטשלאנד, אַז ער זאָל מאַכען אונזער שטאַנדפּונקט אַזוי קלאָהר ווי מעגליך, דאָס אונזער רעגיערונג קען ניט פערשטעהן דעם צוועק פון אַ זינלאָזער פאָרבערייטונג פאר אַ מלחמה וועלכע וועט קיינמאָל ניט פאָרקומען. און, געוועהנליך, האָט ער דעם דייטשען געזאנדטען אין וואשינגטאן דאָסזעלבע ערקלעהרט.

דער פּרעזידענט האָט אויך אָנגעוויזען אויף דעם פאקט, אַז פון דער גאַנצער קאָרעספּאָנדענץ וועלכע איז ערהאַלטען געוואָרען אין סטייט דעפּאַרטמענט אין בערלין, איז ניט פאראנען קיין איינציג וואָרט, פון וועלכען מען זאָל קענען דרינגען, אַז די דייטשע רעגיערונג וועט ניט ווי געהעריג פערגיטיגען די עולה וואָס איז געגען אונזער לאַנד בעגאַנגען, אָדער, וועניגסטענס, אַז זי וועט ניט זיין צופריעדען איבערצוגעבען דעם גאַנצען סכסוך צו דעם אינטערנאַציאָנאַלען שיעדס-גערִיכט אין האאַג. דער פּרעזידענט האָט ערקלעהרט, אַז די סבה ווארום די דייטשע

רעגירונג האָט ניט אָנגענומען קיין פּאָזיטיווע שטעלונג אין דער אנגעלעגענהייט איז ווייל דייטשלאנד האָט גוט געוואוסט, אַז דאָס אַמעריקאנער פאָלק איז געגען איהם אין זיינע בעמיהונגען אויפצוהאַלטען דעם פריעדען פון ביידע לענדער. און אַז אין דער שטעלונג פון אונזער פאָלק צו דער פראַגע פון שלום, וועלכע ער האָט געזוכט צו פערענטפערען, ליעגט דער גאַנצער סוד פון דער האַל-טונג פון דער דייטשער רעגיערונג געגען אונז. אויב די סענאַטאָרען און די מיטגליעדער פון קאָנגרעס וואָלטען זיין צופריעדען איהם צו שטיצען אין זיין האַנדלונג, און זיי וואָלטען אָפּגעוואַרט ביז וואנען דער שטורם וואָלט זיין פערביי, דעמאָלט וואָלטען די מיספערשטענדניסען צווישען ביידע לענדער געשליכטעט געוואָרען צו דער אַלגעמיינער צופריעדענהייט. יעדעס מאָל ווען אַזעל-כע אונטעררעדונגען זיינען פאָרגעקומען האָט דער פּרעזידענט געענדיגט מיט די פאָלגענדע ווערטער: „איהר מוזט גאַנץ קלאָהר פערשטעהן, אַז די דייטשע רעגיערונג האָט אָנגעהויבען די קריעגס-פאָרבערייטונגען נור דער-פאר, ווייל דאָס געמיטה פון דייטשען פאָלק איז אויפגע-רעגט און אויפגערייצט געוואָרען, ווייל אונזער פאָלק אים אַלגעמיין און אונזער פרעסע בעזונדערס האָבען זיך ניט בעהערשט און זיינען ניט געווען אויף דאָס מינדעסטע צו-ריקגעהאַלטען. וועלען מיר אַצונד ענטפערען מיט קריעגס-פאָרבערייטונגען, וועט דער קריעג זיכער קומען — אַ קריעג פאר וועלכען עס קען ניט זיין די מינדעסטע ענט-שולדיגונג; אַ קריעג, וועלכער וועט אויף אייביג פערבליי-בען אַ שמאַך און אַ שאַנדע פאר דער ציוויליזירטער מענש-הייט. ווי די זאַך שטעהט אַצונד האָבען מיר דייטשלאנד געגעבען צייט נאָכצודענקען און דייטשלאנד דענקט נאָך גאַנץ ערנסט. ווארום-זשע זאָלען מיר פאר איהר בע-שרענקען די צייט נאָכצודיינקען וועגען דעם?

ווען דער פּרעזידענט האָט געזאָגט, אַז ער האָט דער

דייטשער רעגירונג געגעבן אַ געלעגנהייט נאָכצודענקען, האָט ער געהאַט רעכט. דייטשלאַנד האָט נאָכגעדענקט, שטאַרק נאָכגעדענקט... די דיפּלאָמאַטן אין דייטשלאַנד האָבן זיך אַרומגעדרעהט ווי אין אַ פערכשופ'טען קרייז און זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. וואָס מעהר זיי האָבן נאָכגעדענקט וועגן די פערהאַלטונג פון דעם אויפגערעגטען המון געגענאיבער דעם פריעדענס-זוכענדען פרעזידענט, אין אַלץ אַ גרעסערער פערלעגענהייט האָבן זיי זיך געפונען. זיי האָבן פערשטאַנען, אַז דאָס האָט דער פרעזידענט געמאַכט א נייעם שאַך-צוג, אָבער וואָס די בעדייטונג פון אָט דעם שאַך-צוג איז, דאָס האָבן זיי ניט געוואוסט. און דער פרעזידענט האָט געגעבן אַ געלעגנהייט פאַר נאָכדענקען, ניט נור דער דייטשער רעגירונג נור אויך אַלע געווייסענהאַפטע סענאַטאָרען און קאָנגרעסלייט, וואָס זיינען געקומען צו איהם, אום פון איהם אַליין מינדליך צו הערען זיין שטאַנדפונקט אין בעצוג אויף דער מלחמה-פראַגע. מעהר פון אַלע זיינען אָבער געווען אין אַ גרויסער פערלעגענהייט די מיטגליעדער פון דעם געזעץ-קאָמיטעט פון קאָנגרעס, וועלכע האָבן געהאַט די אויפגאַבע אונטערצוזוכען ווי אַזוי די געזעטצע קענען אָנגעווענדעט ווערען אין דער אינטערעסע פון דעם וואָהלזיין פון דיעזען לאַנד, אום נאָכהער איבערצוגעבן דעם קאָנגרעס דעם רעזולטאַט פון זייער אונטערזוכונג. — זיי האָבן פשוט ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ שטעלונג זיי זאָלען נעהמען אין דער דאָזיגער פראַגע און וואָס זיי זאָלען וועגען דעם ענין בעריכטען. פון איין זייט זיינען זיי געוואָרען בעאיינפלוסט פון דעם פרעזידענט ווען זיי פלעגען מיט איהם ריידען וועגען דער אַנגעלעגענהייט. פון דער אַנדערער זייט אָבער האָבן זיי זיך געמוזט רעכענען מיט דער עפענטליכער מיינונג, מיט דער קירכע, מיט דער פרעסע און מיט אַלע רעדנער און לעקטשורערס, וועלכע האָבן די פלאַטפאָרמע בעטרעטען. דאָ איז דער פרעזידענט פון אַלע זייטען פערשריען און פערדאַמט געוואָרען אַלס אַן איינגעבילדעטער, איינגעשפּאַרטער נאַר, אַלס אַ היפּאָקריט, אַלס אַן אינטריגאַנט, אַלס אַ פייגלינג, אַלס אַ ליגנער, אַלס אַ משוגע'נער, אַלס אַ פעררעטער און אַלס מענש אָהן אַ לאַנד. מען האָט זיך אַצונד דערמאָהנט, אַז דער פרעזידענט

האָט געקראָגען אַ טהייל פון זיין ערציהונג אין דייטשלאַנד, און די איינציגע זאַך וואָס ס׳האָט איהם געראַטעוועט פון דעם חשד, אַז דייטשלאַנד האָט איהם אָבגעקויפט, פּשוט פאַר געלד, איז געווען דער פאַקט, אַז ער איז אַ רייכער מאַן. דאָך האָט דער המון חושד געווען אַז די אָפטע וויזיטען, וועלכע דער דייטשער אמבאסאדאָר מאַכט דעם פּרעזידענט, זיינען עטוואָס ניט גלאַטליך... און מען האָט גאַנץ הויך געפאָדערט, אַז דער פּרעזידענט זאָל איהם אָבגעבען זיינע פּאַפּירען און איהם צוריקשיקען קיין דייטשלאנד. צום גרעסטען טהייל איז פאר דעם צושטאַנד געווען פעראנטוואָרטליך די זאָגענאַנטע „געלע פּרעסע“, וועלכע האָט טעגליך געדרוקט קאריקאטורען און שרעקענס-בילדער, פאָרשטעלענדיג די ערמאָרדעטע מאַטראָזען אין געשטאַלט פון מאַרטירער וואָס שרייען און בעטען ראַכע פאר זייער אונשולדיג-פערגאָסען בלוט.

דעם שווערסטען איינדרוק האָבען געמאַכט די גייסטליכע. די מייסטע פון די דאָזיגע לייטע, וועלכע זיינען די פערטרעטער פון דעם „פּרינץ פון שלום“, האָבען זיך ענטוועדער בעהאַלטען אין קעלערס, אָדער זיי האָבען זיך געשטעלט אין די פאָדערשטע רייהען פון די וואָס האָבען געשריען און געלעכצט נאָך דעם בלוט פון דעם אידען, וועלכער איז געווען דער איינציגער וואָס איז געשטאַנען צווישעןביידע לענדער, און האָט ניט דערלאָזען צו אַ מלחמה, צוליעב וועלכער די „בלום פון אונזער יוגענד“ וואָלט צוטראָטען געוואָרען, און צוליעב וועלכער ביידע לענדער וואָלטען פערפלייצט געוואָרען מיט אַ ים פון בלוט.

געווים פערדיענען גרויס קרעדיט די געצעהלטע מענשען, וואָס האָבען פערשטאַנען דעם אמת׳ן צוועק, די אמת׳ע און עהרליכע כונה פון דעם פּרעזידענט. צווישען די דאָזיגע מענשען האָבען זיך געפונען איינינגע גייסטליכע, ליטעראַטען, זשורנאַליסטען, אינטעליגענטען, אַרבייטער און גלאַט אַזוי פּראָסטע עהרליכע מענשען פון אַלע קלאַסען און שיכטען פון דער בעפעלקערונג, אַ חוץ די סאָציאַליסטען, וועלכע זיינען אין פּרינציפּ געגען מלחמה. איבער׳ן גאַנצען לאַנד האָבען זיך די דאָזיגע מענשען געפונען און

אומעטום האָבען זיי געהאַט געגוג מוטה אויפצוהויבען זייער שטימע צו גונסטען פון פרעזידענט; אומעטום זיינען זיי אָפען און אונערשראָקען אויפגעטראָטען אלס די אָנהענגער און פערטהיידיגער פון שלום צווישען דייטשלאנד אין אַמעריקא. אָבער, וואָס פאר אַ ממשות האָט דיעזער לפי ערך גאַנץ קליינער טהייל פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק געהאַט געגען דער גרויסער מאַיאָריטעט פון דעם המון, אין וועמעס הערצער עס האָט געברענט אַ פייער פון ראַכע און וועלכע האָבען בעטראכט מלחמה אַלס דעם איינציגען מיטעל צו פערגיטיגען אונזערע פרעטענזיעס צו דייטשלאנד?

ווי שוואך האָט געקלונגען זייער שטים אין די אויערען פון דעם פרעזידענט, וועלכער איז געווען דער איינזאַמסטער און פערלאָזענסטער מענש אין ווייסענהויז!

דער ראסענהאס, די שנאה געגען אידען, וועלכע האָט מיט איינמאָל מיט אַזאַ שטארקייט און מיט אַזאַ אימפעט אויסגעבראָכען אין לאַנד, האָט דעם פרעזידענט פערשאַפט גרויסע שמערצען. די, וועלכע זיינען פון אָנהויב אָן געווען זיינע פּאָליטישע געגנער, האָבען אַצונד גע׳טענה׳ט, אַז מען קען קיין בעסערם ניט ערווארטען פון א אידעי וואָס איז אַ פייגלינג פון דער נאַטור.

אָט דער אומשטאַנד וואָס דער גאַנצער קאמפף געגען פרעזידענט האָט שוין אַצינד אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ קאמפף געגען א אידען, האָט דעם פרעזידענט פערשאפט די גרעסטע קרענקונג, און ווען ער האָט געקראָגען אַ ידיעה, אַז אין דער שטאָדט, וואו ער האָט געוואָהנט האָבען אויסגעבראָכען ערנסטע און אָפטע אונרוהען געגען די אידען, איז ער מיט אַמאָל געעלטערט געוואָרען פאר צרות, אַזוי, אַז זיינע פריינד און בעקאַנטע האָבען איהם קוים דערקענט.

איך האָב ערגעץ-וואו אַמאָל געלעזען וועגען אַ שיף, וועלכע איז גערעטעט געוואָרען פון אַ שרעקליכען ציקלאָן נור דערפאר, ווייל די שיף האָט זיך געפונען אין דעם סאַמע מיטעלפונקט פון שטורם. דער קאַפּיטאַן פון שיף האָט גע-

זעהן פון זיין בריקעל אַלעס וואָס ס'האָט ארום איהם און זיין שיף פּאַסירט, ווייל דער צענטער-פונקט פון ציקלאָן, וואו זיין שיף האָט זיך געפונען, איז געווען דער זיכערסטער אָרט, פון וועלכען אַלע בעאָבאכטונגען האָבען געקענט געמאַכט ווערען. מיר שיינט, אַז דער פרעזידענט האָט זיך געפונען אין דער זעלבער לאַגע. זייענדיג אין דעם סאמע צענטער פון שרעקליכען שטורם, האָט ער געקענט אַרויסקוקען פון זיין פענסטער אין ווייסען-הויז, זעהן אַלעס וואס עס געהט פאָר און רוהיג איבערלעבען די זעהר שווערע צייטען פון שטורם. איך בין געקומען צו דיעזען שלוס דורך דעם, ווייל זעהר אָפט ווען איך בין דורכגעגאנגען די קאָרידאָרען פון ווייסענהויז ביינאַכט, האָב איך געהערט די זיסע טענער פון דער פיאנאָ, וועלכע זיינען געקומען פון פרעזידענט'ס צימער. איך פלעג אין אַזעלכע פעלע בלייבען שטעהן ווי צוגעשמידט. דאָס האָט דער פרעזידענט געפונען בערוהיגונג אין מיטען פון דעם סאַמע שרעקליכען שטורם, וואו ער האָט זיך געפונען. אַמאָל האָב איך איהם געהערט שפיעלען אויפ'ן קלאוויר בעטהאָווען'ס מוזיק, וועלכע האָט געקלונגען ווי אַ תפלה. אַן אַנדערם מאָל, וויעדער, בין איך געבליבען שטעהן ווי בעצויבערט ווען דער פרעזידענט האָט געשפיעלט מאצארט'ס „ראָנדא“ וועלכע האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק, גראדע ווי עס וואָלט זיך געהערט די צאַרטע, זאנפטע שטים פון אַן עהרליכען, אונשולדיגען קינד. אין די מייסטע פעלע פלעגט זיין שפיעלען אויף מיר מאַכען דעם איינדרוק ווי זיין נשמה וואָלט אין דער דיקער פינסטערניש געזוכט איהר בעשעפער: אָט האָט זי א י ה ם געפונען, אָט האָט זי איהם פערלאָרען, אָט בעט זי איהם רחמים און אָט קומט זו וויעדער אונטער זיין שוץ, טוליעט זיך אונטער זיינע פליעגעל און אומעטום האָט געשוועבט די געטליכע רוהע, אומעטום האָט זיך געפיהלט דער צויבער פון האַרמאָני. אין אַזעלכע מאָמענטען פלעג איך הערען אַ שטילע, ערנסטע און צאַרטע תפלה אין דער העברעאישער שפראַך, וועלכע פלעגט מיך צושמידען צום פלאץ. און הגם איך קען ניט קיין העברעאיש, פון דעסטוועגען האָב איך געפיהלט, אַז איך פער-

שטעה יעדעם וואָרט פון די העברעאישע תפלות זיינע, וועלכע האָבען מיך איבערפילט מיט הייליגע, געטליכע גע-פיהלען. עס האָט זיך מיר געגלוסט קניען אויף דער ערד, און מיט איהם צוזאמען מיטבעטען...

IV

אַלעם וואָלט געווען געגאַנגען כשורה און דעם פּרעזי-דענטס פּלאַן אויסצוניכטערען די אויפרעגונג פון דעם המון דורך אויסדויער און געדולד וואָלט אפשר געווען געלונגען, ווען עס וואָלט ניט פּאַסירט אַן אַנדער צופאַל, וואָס האָט די לאַגע נאָך מעהר פערוויקעלט. דער פּרעזידענט האָט נעמליך געמוזט אוועקשיקען אַ גרויסע טהייל פון אונזערע קריגס-שיפען אין דעם מיטעלענדישען ים אום זיי זאָלען זיך ליגען אין די פעסטליכקייטען וועלכע זיינען פון דער טער-קישער רעגיערונג אראנזשירט געוואָרען צו פייערען דעם געבורטס פון דער טערקישער רעפובליק.

עס איז געווען דער אומגליקליכסטער צופאל וואָס עס האָט גראדע אַזוי פּאַסירט דאָס די צייט אָוועקצושיקען אונ-זערע קריגסשיפען אויף דער דאָזיגער רייזע איז בעשטימט געוואָרען פונקט אויף יענעם קריטישען מאָמענט. מיר מו-זען צוגעבען אַז דורך דעם וואָס דער פּרעזידענט האָט די שיפען אין יענעם קריטישען מאָמענט אָוועקגעשיקט, האָט ער אָוועקגענומען די מעגליכקייט איינצושטילען דעם פאָלקס-צאָרן; מען קען אָבער בשום אופן ניט זאגען אַז דער פּרעזידענט האָט געמאַכט דעם שריט אום אויפצו-רייצען דאָס פאָלק.

אום צו קענען געבען אַן אונפּארטייאישען אורטייל וועגען דעם ענין, מוז מען בעטראַכטען די ספּעציעלע אום-שטענדען אונטער וועלכע דער פּרעזידענט האָט בעטראכט אַלס אַן אבסאָלוטע נויטווענדיגקייט אונזערע קריגסשיפען קיין טערקיי אָוועקצושיקען: די אַררענדזשמענטס פאַר אונזערע קריגסשיפען זיך צו בעטייליגען אין די פעסט-ליכקייטען פון דער טערקישער רעגיערונג צו עהרע פון דער איינפיהרונג פון דער טערקישער רעפובליק, זיינען

געמאכט געווארען מיט א גאנץ לאנגער צייט צוריק, נאך איידער די דיפלאמאטישע פערוויקלונגען צווישען דייטשלאנד און אונזער לאנד האבען אויסגעבראכען. די גאנצע וועלט האט געוואוסט, אז אונזער פלאטע מוז אברייזען נאך טערקיי: מען האט אויך געוואוסט די בעשטימטע צייט ווען זי דארף אברייזען. מען קען זיך אלזא פארשטעלען וואס די וועלט וואלט געדיינקט וועגען דעם פרעזידענטס טענות אז ער איז פאר שלום און, אז ער האט דעם פולסטען פערטרויען אין דעם געפיהל פון יושר און גערעכטיגקייט פון דייטשען פאלק, ווען ער וואלט באפוילען אונזער פלאטע צו פערבלייבען אין דער היים, אנשטאט אבצוגעהן קיין טערקיי לויט דעם פאראוים-בעשטימטען אברייד.

דאס ווייסט דאך יעדער אז מען קען ניט אפעלירען צו די בעסערע און העכערע געפיהלען און אידעאלען פון א מענשען, ווען מען שטעלט איהם צו א פול-געלאדענעם רעוואלווער צום קאפ. ניין, ווען עס האנדעלט זיך אום דער אנווענדונג פון א מאראלישען געזעץ, קען מען זיך ניט פערלאזען האלב אויף גוואלד און האלב אויף יושר: מען מוז זיך אין גאנצען פערלאזען אויף דעם מאראלישען געזעץ, אדער מען מוז עס אין גאנצען איגנארירען. און דאך מוז איך צוגעבען, אז אפילו איך אליין האב ניט געקענט פערשטעהן ווי דער פרעזידענט האט געקענט אוועקשיקען אין אזא צייט פון געפאהר אונזערע קריגסשיפען, וועלכע זיינען דאס בעסטע און כמעט דער איינציגער מיטעל פאר אונזער פערטהיידיגונג אין פאל פון מלחמה. אונזערע קריגסשיפען זיינען געווען געאנקערט אין די וואסערען פון האדסאן-טייך ביי ניו יארק, פון דער צוויי-און-זיבעציגסטער גאס ביז „גרענט'ס מצבה", ווי א פראכטפולער סקאדראן פון גיגאנטאן. מאסען מענשען האבען זיך געצויגען פון אלע עקען פון גרויס-ניו יארק אנצוקוקען דיעזע שיפען. יעדער האט זיי בעטראכט מיט א געוויסען געפיהל פון שטאלץ און בערוהיגונג, ווי איינער זאגט: „אזוי לאנג ווי מיר האבען אזעלכע פערטהיידיגער, מעגען מיר רוהיג זיין". עס איז גאר קיינעם פון דיעזע מענשען אויפ'ן זינען ניט געקומען, אז ס'קען זיך שיקען

די מינדעסטע מעגליכקייט, דאָס דער פרעזידענט זאָל גראַדע אַצינד, אין אַזאַ ערנסטער צייט, אַוועקשיקען אָט דיעזע פרעכטיגע פלאָטע אַזש קיין טערקיי. איך וועל ניט פערגעסען דעם טאָג, ווען דער פרעזידענט האָט ארויסגעגעבען זיין לעצטען בעפעהל מכח דעם אָפּפאָהר פון דער פלאָטע. זיין אויסזעהן האָט מיך שטארק בעאונרוהיגט טאַקי דערפאַר ווייל עס איז אויף איהם געווען צו בעמערקען אן אַנגעשטרענקטע רוהיגקייט...

דער אַלטער אַדמיראַל בלעק און הערר אוקלאנד, דער צייטווייליגער פלאָטען-מיניסטער, זיינען געקומען פון דער פלאָטמיניסטעריום צושראָקענע. דער אַלטער אדמיראל איז אַלץ געווען אין צווייפעל אויב דער בעפעהל פון פרעזידענט מכח דער אַברייזע פון דער פלאָטע איז ערנסט געמיינט און ער האָט פערלאַנגט, אַז דער דאָזיגער בעפעהל זאָל ווידערהאָלט ווערען?" און ווען דער פרעזידענט האָט איהם געפרעגט, אויב ער ווייסט וואָס ס'פאסירט מיט אַ מיליטערישען בעאַמטען, וועלכער ווייגערט זיך אויסצופיהרען אַ בעפעהל פון זיין הויפט-בעאַמטען און פערלאנגט, אַז דער דאָזיגער בעפעהל זאָל פאר איהם נאָך אַמאָל פאָרגעלעגט ווערען? האָט דע ראַדמיראל גאָר ניט געענטפערט דערויף. נאָך אַ קורצער פויזע האָט איהם דער פרעזידענט געזאָגט: „ווייסט איהר, הערר אַדמיראל, וואָס עס פאסירט מיט איהם? עס איז אוים מיט זיין ניטצליכקייט!".

„אַבער, גרויסער גאָט! מיין הערר! דער דאָזיגער בעפעהל! דער דאָזיגער בעפעהל!" האָט דער אַדמיראַל געמורמעלט אַ צושראָקענער.

„איז דער בעפעהל ניט דייטליך?" האָט דער פרעזידענט געפרעגט.

דער אַדמיראל איז געבליבען שטעהן מיט אַן אָפענעם מויל, אַ צוטומעלטער, אַ פערגליווערטער. יענע פאָר מינוטען, אין וועלכע דער אַדמיראל איז פערבליבען אין אָט דער לאַגע, האָבען ביי מיר אויסגעזעהען ווי אַן אייביגקייט. ענדליך האָט ער אויסגעבראָכען מיט אַ געוויין. „אום גאָ-

טעם ווילען, מיין הערר״! האָט ער געשריען צום פּרעזידענט, זייט איהר ביי׳ן קלאָהרען זינען?״.

בילדער פון אויפשטאַנד געגען דעם פּרעזידענטס אָרדער, האָבען פערבייגעשוועבט פאר מיינע אויגען אין יענעם מאָמענט. צום גליק אָבער איז דעם פּרעזידענט געלונגען צו פערמיידען די שאַנדע. ער איז צוגעגאַנגען מיט אַ טרויעריגען שמייכעל צום אַדמיראל און אָנגעהמענדיג איהם ביי דער האַנד, האָט ער געזאָגט אין אַ טאָן, וועלכער האָט מיך איבערראַשט, גראדע ווי ער האָט געמוזט איבערראַשען דעם אַדמיראל אַליין:

„אדמיראל, איך ווייס גאַנץ גוט ווי אַזוי איהר אַלע אין דער פלאָטע פיהלען אָנגעשטרענגט. איך ווייס ווי גערן איהר האָט געזוכט אַ געלעגענהייט זיך אָבצורעכענען מיט די דייטשען און זיי אויפעסען לעבעדיגערהייד. עס טהוט מיר זעהר לייד דאָס וועניגסטענס איצט קען איך אייך די געלעגענהייט דערצו ניט געבען, הגם איך ווייס גאַנץ גוט וואָס פאר אַ גבורות און נצחונות איהר וואָלט פאר זיך און פאר׳ן לאנד געוואונען. איך בין דאָך לויט דער קאָנסטיטוציאָן דער הויפּט קאָמאַנדיר און איהר אַדמיראל, און אַלע אַנדערע אין דעם פלאטען-מיניסטעריום מוזען דעם אַמט מיינעם רעספּעקטירען: ספּעציעל, אַצינד, ווען די געמיטהער זיינען אַזוי אויפגערעגט און ווען פאר אונזער נאַציאָן שטעהט פאר אַזאַ געפאהר. נון, הערר אַדמיראל, צווישען אונז גערעדט, בין איך ניט זעהר שטאַרק פערליעבט אין מיין אַמט, אָבער אַזוי לאַנג ווי איך בין אין אַמט, מוז איך מיך פערלאָזען אויף מיין שכל הישר. איך מוז דענקען פאר זיך אַליין און האַנדלען לויט ווי מיין געוויסען דיקטירט מיר: האַנדלען לויט ווי די קאָנסטיטוציאָן פון אונזער לאַנד שרייבט פאָר, און זיך פיהרען לויט ווי מיין אייגענער שכל דיקטירט מיר. און מיין שכל הישר זאָגט אַצינד — (ביי דיעזע ווערטער האָט דער פּרעזידענט אָנגעהויבען צוצופיהרען דעם אַדמיראל צו דער טיהר) — אַז איהר, צוזאמען מיט אייערע מאטראסען זאָלט מאַכען אלע נויטהיגע פאָרבערייטונגען אַוועקצופיהרען די שיפען קיין טערקיי אָהן אַ ווייטערדיגען אָפּהאַלט״.

מיט אַמאָל, אומבייטענדיג דעם טאָן פון זיין שטימע, וועלכע איז געוואָרען אַלע מאָל שטרענגער און אָננעהמענדיג דעם אַדמיראל אונטער'ן אָרעם, האָט דער פּרעזידענט זיך אָבגעשטעלט מיט דעם אַדמיראל ביי דער טיהר און האָט פאָרטגעזעצט: „הערר אַדמיראל, אין אַ געוויסען זינען זיינען מיר פּנים אל פּנים מיט א שונא און דיעזער בעפעהל ווערט געמאַכט אַלס אַ מיליטערישע נויטהווענדיגקייט. עס איז דארום ניט נויטהיג, אַז איך זאָל ערקלעהרען צו איינעם, וועלכער האָט אַ גלענצענדע קאַריערע אַלס אַ מיליטערישער בעאַמטער — צו אַ מאַן ווי איהר זייט — וואָס עס מיינט פּינקטליך דורכצופיהרען אַ בעפעהל. דאַ האָט איהר מיין האַנד, מיין הערר, און לאָזט מיר אייך ווינשען אַ הערצליכען זייט-געזונד!"

אויסער דער פראגע אַליין: אויב עס איז יא אָדער עס איז ניט געווען פּראַקטיש ארויסצונעבען אַ בעפעהל אז די פלאָטע זאָל אָבפאָהרען מיט דעם צוועק זיך צו בעטייליגען אין אַ פּאַראַד אין אַ פרעמדען, ווייטען לאַנד — אויסער דיעזער פראגע — האָט נאָך אַן אַנדער פראַגע בעשעפטיגט די מוחות פון די יעניגע, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָהענט צו דער אדמיניסטראַציאָן, נעמליך: אויב די אויספיהרונג פון דיעזען בעפעהל איז געווען צו פערדאנקען דעם פּרעזידענט'ס שטאַרקען כאַראקטער, אָדער עס איז געווען צוליעב דער גוטער דיסציפּלין פון דער פלאָטע? ווי די זאַך איז געווען, די שיפען האָבען זיך בעפרייט פון די אַנקערס און אונזער מעכטיגע פלאָטע האָט אָפּגערייזט, נאָך איידער דאָס פאָלק האָט געהאַט צייט זיך רעכט אַרומצוקוקען.

ערשט דאַמאָלט האָט אויסגעבראָכען אַ פאָלקס-ענטריסטונג און ערביטערונג. די וועלט האָט געשטוינט און פון ערשטוינונג זיינען אַלע פערשטומט געוואָרען, אָבער די מאַסען פון אַמעריקאנער פאָלק זיינען ניט געבליבען שטיל. דער קאָנגרעס האָט זיך צוערשט געבויגען צו דעם אונפערמיידליכען. די קאָנגרעסלייט האָבען געזאָגט: דער פּרעזידענט האָט געמאַכט דעם טריט און מיר מוזען זיך אונטערוואַרפען. עס איז געווען דער גרעסטער וואונדער, דאָס אַזוי פיעל גרויסע און וויכטיגע פּאָליטישע ערשיינונ-

גען האָבען געקענט מיט אַזאַ שנעלקייט פערבייבליצען: עס איז געווען כמעט אונגלויבליך, אַז אַזוי פיעל וויכטיגע, עפּאָכע-מאַכענדע געשעהניסען זאָלען קענען דורכלויפען אין אַזאַ קליינעם משך פון צייט. ווען אָבער די גרויסע מאַכט פון דער אַמעריקאַנער פּרעסע האָט אָנגעהויבען צו פאָדערען מיט אַ מעכטיגען און הויכען קול: „טרייבט אַרויס דעם פאַנאַטיקער פון ווייסען הויז״, האָבען די רעדער פון אונזער געזעץ-מאַשין אין קאָנגרעס אָנגעהויבען זיך צו בעוועגען מיט אַ פיעל גרעסערער פלינקקייט ווי פריהער.

אויף דער ספּעציאל פערזאַמלונג פון קאָנגרעס, וועלכע איז אויף גיך צוזאַמענגערופען געוואָרען, האָט דאָס געזעץ קאָמיטעט אַריינגעבראַכט אַ מאַיאָריטעט-בעריכט, רעקאָמענדירענדיג די אננאַהמע פון אַ רעזאָלוציאָן, אַז „דייוויד איזראַעלס, פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען, זאָל אימפּיטשט ווערען פאַר הויך-פעררעטה און שלעכטער האַנדלונג״. און די רעזאָלוציאָן איז אויף שנעל אָנגענומען געוואָרען. די איינציגע אָפּאָזיציאָן צו דער רעזאָלוציאָן איז געקומען מצד פון די סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען געשטימט ווי איין מאַן געגען דער אימפּיטשמענט פון פּרעזידענט און האָבען מיט זייער האַלטונג אין דיעזער פראַגע בעשאַפען אַ זאָנדערבאַרע פּאָליטישע סיטואַציאָן. זיי זיינען געבליבען טריי צו זייער פּרינציפּ, אפילו דאַן ווען אַזוי צו האַנדלען האָט געמיינט, אַז זיי זאָלען זיך שטעלען אין יענעם אויגענבליק אונטער דער פיהרערשאַפט פון אַ מאַן, וועלכער איז אין לויף פון זיין גאַנצער עפענטליכער טהעטיגקייט און פּאָליטישער קאַריערע געווען זייער ביטערסטער געגנער.

נאָך דעם ווי דיעזע רעזאָלוציאָן איז אָנגענומען געוואָרען, זיינען בעשטימט געוואָרען צוויי קאָמיטעטען: איינע מודיע צו זיין אָפיציעל דעם סענאַט וועגען דער אננאַהמע פון דער רעזאָלוציאָן, און די צווייטע שריפטליך צו פאָרמולירען די קלאַגע, פאַרצובערייטען די „אַרטיקעלס אָוו אימפּיטשמענטס״, און דאַן זיינען,צום צווייטען מאָל אין דער היסטאָריע פון אונזער לאַנד, ערשיענען פאַר דעם סענאַט צוויי מענשען און האָבען דעם העכסטען בע-

אַמטען פון לאנד — דעם פּרעזידענט — פערקלאָגט אין נאָ-
מען פון קאָנגרעס און זיך אונטערגענומען די קלאגע צו
בעווייזען. זיי האָבען אויפגעפאָדערט דעם סענאַט ער זאָל
בעפעהלען דעם פערקלאָגטען, דעם פּרעזידענט, צו ערשיי-
נען פאר דיעזער קערפּערשאַפט אַלס פאר דעם העכסטען
פאָלקס-טריבונאל פון אונזער רעפּובליק זיך צו פערענטפע-
רען אויף דיעזע קלאגען.

לויט דער קאָנסטיטוציאָן פון אונזער רעפּובליק, „קען אַ פּרעזידענט, אַ וויצע-פּרעזידענט, אָדער וועלכער עס איז אַנדערער ציוויל-בעאַמטער אַרונטערגעזעצט ווע-
רען פון אַמט דורך אן אימפּיטשמענט-פּראָצעס, וואָס פיהרט צו פעראורטהיילונג אויף בעווייזע פון פעררעַטה, כאבאר, אָדער „אנדערע הויכע פערברעכענס און שלעכטע אויפפיהרונג״. עס האָבען זיך געפונען היץ - קעפּ, וועלכע האָבען דעם פּרעזידענט געוואָלט פעראורטהיילען פאר פעררעטה. אָבער די מאַיאָריטעט פון דעם געזעץ-
קאָמיטעט האָט אויף דעם ניט געוואָלט איינגעהן איינפאַך דערפאר, ווייל די פערפאסער פון אונזער קאָנסטיטוציאָן האָבען געמאַכט פּאָזיטיווע בעשרענקונגען, ווען מען קען געפינען אַ פּרעזידענט שולדיג אין פעררעטה. „פעררעטה געגען די פעראייניגטע שטאַאטען״, זאָגט די קאָנסטיטו-
ציאָן, „בעשטעהט אין ערקלערען קריעג געגען דעם לאַנד און איהרע בירגער, אָדער אין העלפען דעם לאַנד׳ס שונאים, געבענדיג זיי הילפע און מוטה״. די קאָנסטיטו-
ציאָן שרייבט אויך פאָר, „אַז קיינער זאָל ניט פעראור-
טהיילט ווערען אויף אַ קלאַגע פון פעררעטה, סיידען עס וועלען זיין צוויי עדות וועלכע וועלען בעשטעטיגען אַז אַ בעשטימטער פערברעכען איז בעגאַנגען געוואָרען, אָדער ווען דער בעשולדיגטער וועט זיך מודה זיין אויף דיעזער קלאַגע אין אָפענעם געריכט״. איניגע מיטגליעדער פון קאָנגרעס האָבען אין די עפענטליכע דעבאַטען איבער דיע-
זער פראַגע ערקלערט, אַז דער פּרעזידענט דאַרף פעראור-
טהיילט ווערען אויף דער קלאַגע פון פעררעטה, ווייל דייטשלאַנד איז אַצינד אונזער אָפענער, אַנערקענטער שונא. אָבער די פיהרער פון קאָנגרעס האָבען פון דיעזען

פלאַן ניט געוואָלט הערען דערפאר, ווייל זיי האָבען געהאַט אַ פיעל לייכטערען וועג ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון דעם פּרעזידענט: די קאָנסטיטוציאָן זאָגט גאָר ניט וועגען דער בעדייטונג פון די ווערטער „און אַנדערע הויכע פערברע-כענס און שלעכטער אויפפיהרונג״ און דאָס מיינט, אַז אויפ'ן גרונד פון דער דאָזיגער אונדייטליכער בעשטימונג האָט דער פּרעזידענט געקענט אַרונטערגעזעצט ווערען פון זיין אַמט אָהן גרויסע בעמיהונגען.

דער קאָמיטעט וואָס האָט פאָרבערייטעט די פּונקטען פון דער אנקלאגע האָט קיין צייט ניט פערלאָרען אויף סברות און ערקלערונגען וועגען דער בעדייטונג פון די ווערטער: הויכע פערברעכענס און שלעכטער אויפפיה-רונג״, וואָס ווערען דערמאָנט אין דער קאָנסטיטוציאָן. דער קאָמיטעט האָט זיך פערלאָזען אויף די בעשטימונ-גען פון די לייט וואָס האָבען אָנגעפיהרט דעם דזשאהנ-סאָן-אימפּיטשמענט-פּראָצעס וועגען דיעזער פראגע. און ווייטער האָבען זיי זיך וועגען דעם גאַנצען ענין כלל ניט געקימערט. ביי יענעם פּראָצעס האָט מען געלערנט דעם פּשט, אַז „הויכע פערברעכענס און שלעכטע האַנדלונגען״ מיינט „אַ האַנדלונג, וועלכע איז אַן און פאר זיך פעראנט-וואָרטליך דירעקט פאר דער איבערטרעטונג פון אַ פונדא-מענטאַלען פּרינציפּ, אָדער רעגירונגס-געזעץ, אָדער אַז דאָס איז דער רעזולטאַט פון אַנדערע אומשטענדען, פאר וועלכע אַ בעשטימטע טהאַט פון דער בעטרעפענדער פּערזאָן איז פעראנטוואָרטליך. און דאָס מעג זיין אַ פערברעכען גע-גען דער קאָנסטיטוציאָן, אַ געזעץ, אַן אָפיציעלע שבועה, אָדער דאָס פערפעהלען צו טהאָן אַ זאַך, וועלכע דאַרף גע-טהאָן ווערען; אָדער דאָס מיסברויכען פון פאָלמאַכט, צו-ליעב אונעהרליכע מאָטיוועז, אָדער צוליעב אונאַנשטענדי-גע צוועקען״.

מיט אַזאַ געוואַלדיג גרויסער, אונבעשרענקטער מאַכט, האָט דער קאָמיטעט ניט געהאַט די מינדעסטע שוועריגקייט אויסצואַרבייטען געגען פּרעזידענט איזרא-על אַ בעשולדיגונגס-אַקט אויף דעם גרונד, וואָס ער האָט ניט דערלאָזט אַז אונזער לאַנד זאָל זיין פאָרבערייטעט זיך

צו בעשיצען געגען אַ פיינד, און האָט אונזער לאַנד גע-
שטעלט אין דער געפאהר בעפאלען צו ווערען יעדען מאָ-
מענט און אויך אויף דעם גרונד וואָס ער האָט אַרויסגע-
יאָגט פון לאַנד אונזער שטאַרקסטע וואפע — די פלאָטע —
און זי פערטריבען אין אַזאַ ווייטען טהייל פון דער וועלט,
וואו זי קען ניט געבען אונזער לאַנד דעם מינדעסטען שוץ
אין פאַל פון אַן אָפענעם קריעג. אַזוי לייכט איז געווען די
אַרבייט פון דעם קאָמיטעט וואָס האָט געדארפט פאָרבע-
רייטען די פערשיעדענע פונקטען פון דעם בעשולדיגונגס-
אַקט, געגען פרעזידענט איזראַעלס, אַז בעת אין דעם אימ-
פיטשמענט פראָצעס פון ענדרוי דזשאָהנסאָן זיינען די
איינצעלנע פונקטען פון בעשולדיגונגס-אַקט געווען און-
דייטליך, זיינען זיי אין דיעזען פאַל געווען אַזוי דייטליך,
אַז דייטליכער האָט קיין קלאַגע אין קיין געריכט ניט גע-
קענט זיין. און דאָס אַלעס איז געטהאָן געוואָרען זעהר
שנעל.

ווען דיעזע פונקטען פון דער קלאַגע זיינען אָנגענו-
מען געוואָרען אין קאָנגרעס, זיינען די אימפיטשמענט מע-
נעדזשערס אויסגעוועהלט געוואָרען דורך אבשטימונג און
אַ שליח איז אָבגעשיקט געוואָרען צום סענאַט, אום מודיע
צו זיין דער דאָזיגער קערפערשאפט וועגען די גענומענע
שריטע. דער סענאַט האָט דערווייל אויסגעוועהלט זיין
אייגענעם קאָמיטעט צו אַראַנזשירען אַלע איינצעלהייטען
פון דעם אימפיטשמענט-פראָצעס, און ווען דער קאָמיטעט
פון קאָנגרעס האָט בעריכטעט אַז אַלעס איז פארטיג פאר-
צולעגען די פונקטען פון דעם בעשולדיגונגס-אַקט, האָט
דער סענאַט בעשטימט אַ ספעציעלען קאָמיטעט וואָס איז
אַוועק צו דעם הויפט ריכטער פון „יונייטעד סטייטס סופ-
רים קאורט", איהם צו בעגלייטען צום שטוהל אַלס פאָרזי-
צענדער ביים פראָצעס.

אַזוי האָט עס פאַסירט, אַז זעכציג שטונדען נאָכדעם,
ווי אונזער פלאָטע איז אָבגעפאָהרען, האָט דער אויבער-
ריכטער פון דעם העכסטען געריכט אין די פעראייניגטע
שטאַאַטען, פיהרענדיג דעם פאָרזיץ אין סענאַט-זאַאַל,
וואָס איז געווען פול געפאַקט מיט מיטגליעדער פון ביידע

הייזער, ארויסגעזאגט די פאלגענדע שרעקליכע ווערטער: „דער סארדזשענט עט ארמס (הויז-וואך) וועט אריינפיהרען דעם בעשולדיגטען״. דער „סארדזשענט-עט-ארמס״ האט דאן אויסגעדונערט דעם בעפעהל: „דייוויד איזראעלס, פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען! דייוויד איזראעלס, פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען! ערשיין און ענטפער אויף די פונקטען פון דער קלאגע פון אימפיטשמענט, וועלכע ווערען פארגעבראכט געגען דיר פון דעם קאנגרעס פון די פעראייניגטע שטאאטען!״.

דאס איז געווען דער ערשטער אקט פון א פראצעס, וועלכער איז מיט זיין שנעלקייט געווען אזוי דראמאטיש ווי דער פראצעס פון ווארען הייסטינגס,*) אין דעם ענגלישען פארלאמענט, וועלכער (אזוי ווייט ווי עס אנבעטרעפט זיין וויכטיגקייט און איינפלוס אויף דעם פארשריט פון דער מענשהייט) וועט שטעלען אין שאטען דעם פראצעס פון דעם ענגלישען קעניג טשארלס דעם ערשטען**)

---

*) ווארען הייסטינגס' אימפיטשמענט־פראצעס איז דער בעריהמטעסטער פון אלע עהנליכע פראצעסען אין דער געשיכטע פון דער ענגלישער יוריספרודענץ. ער איז געווען דער גענעראל גובערנאטאר פון אינדיא 12 יאהר צייט, נעמליך פון 1773 ביז 1785 יאהר, און ער איז פראצעסירט געווארען פאר בעגעהן „הויכע פערברעכענס״ און פערגעהענס״. די הויפט קלאגע געגען איהם איז געווען, אז ער האט אנגענומען א „מתנה״ פון הונדערט טויזענד פונט סטערלינג פון א געוועזענעם אינדישען גאווערנאר פון דער הינדו פראווינץ. דער פראצעס האט זיך אנגעפאנגען אין דעם וועסטמינסטער זאל (דער פארלאמענט־זאל) פון ענגלאנד דעם 13טען פעברואר 1788, און האט געדויערט 7 יאהר און 3 מאנאט. דער פראצעס האט זיך געענדיגט צו גונסטען פון דעם פערקלאגטען און ער האט נאכהער געקריגען פון דער רעגיערונג א לעבענסלענגליכע פענסיע.

**) קעניג טשארלס דער ערשטער פון ענגלאנד איז פראצעסירט געווארען פאר פערראטה דורך דעם ענגלישען פארלאמענט און איז פעראורטהיילט געווארען צום טויט. מען

אין דעם אויבערגעריכט אין ענגלאנד און פון לואי דעם זעכצעהנטען***) דורך דעם פראנצויזישען רעוואָלוציאָנס-קאָנווענט.

V

גלייך ביים אָנהויב פון פרעזידענט איזראעלס אימפיטשמענט-פּראָצעס איז געוואָרען קלאָהר, פיעל מעהר ווי ביי דעם עהנליכען פראָצעס פון פרעזידענט דזשאהנסאָן, ווי אַזוי דער אורטהייל וועט אויספאלען. דאָס הייסט, ס'איז געוועזן אַזוי קלאָהר ווי דער טאָג, אַז פרעזידענט איזראַעלס וועט פעראורטהיילט און אַראָבגעזעצט ווערען פון זיין הויכען אַמט.

די פּאָליטישע פּאַרטיי, צו וועלכער דער פּרעזידענט האָט געהערט, איז געווען די ערשטע איהם צו פערדאמען און איהם אויסצושליסען פון מיטגלידערשאפט. די אידען פון גאַנצען לאַנד האָבען אָהן שום צערעמאָניעס עפענטליך ערקלערט, אַז זיי ווילען מיט איהם קיין שום פערוואנדשאַפט ניט האָבען. אפילו דיעניגע וואָס האָבען מיט'ן פרעזידענט געהאַלטען האָבען געוואוסט, אַז זיי טרעטען אַרוים אין אַ פערלאָרענעם קאַמפף. אזוי זיכער איז דער וויצע-פרעזידענט געווען, אַז ער וועט באַלד פערטרעטען

האָט איהם אָבגעהאקט זיין קאָפּ דעם 30טען יאנואר, 1649 יאָהר. דער פערראטה אין וועלכען ער איז בעשולדיגט געוואָרען איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געוואָלט בערויבען דאָס ענגלישע פאָלק פון זיין פרייהייט און איינפיהרען אן אבסאָלוטע מאָנאַרכיע.

***) לואי דער זעכצעהנטער איז געווען קעניג פון פראנקרייך פון יאָהר 1774 ביז 1793. ער איז פּראָצעסירט געוואָרען דורך דער פראנצויזישער געזעצגעבענדער רעוואָלוציאָנערער פערזאמלונג, פאר אונטרייהייט און פערראטה און איז געפונען געוואָרען שולדיג אין פערראטה געגען די רעכטע פון פראנצויזישען פאָלק. ער איז אויפגעהאַנגען געוואָרען אויף דער תליה אין 1793 יאָהר.

דעם פרעזידענט׳ס אַמט דאָס ער פלעגט יעדען טאָג קאָנ־פערירען מיט די פּאָליטישע פיהרער פון זיין פּאַרטיי ווע־גען וויכטיגע פּאָליטישע עמטער אין דער רעגיערונג, וועל־כע האָבען געדאַרפט אויסגעפילט ווערען און וועגען דער אַלגעמיינער צוקינפטיגער שטעלונג, וואָס די רעגיערונג זאָל נעהמען און וויכטיגע דיפּלאָמאַטישע ענינים.

די מייסטע פריינד פון פּרעזידענט, וועלכע זיינען איהם אַצונד געקומען בעזוכען, האָבען זיך בעמיהט ער זאָל פערשטעהן, אַז זיין פעראַורטהיילונג און אויסשליסונג פון אַמט איז אונפערמיידליך און אַז ס׳וואָלט זיין זעהר גלייך אַז דער פּרעזידענט זאָל כאָטש איינמאָל בעווייזען אַז ער איז ניט אַזוי איינגעשפּאַרט ווי מען דענקט, און זאָל וועניגסטענס צוריקרופען דורך אַ טעלעגראַמע די אַמעריקאַ־נישע פלאָטע, וועלכע איז אויף זיין בעפעהל אַוועק אין די מרחקים. אויף די „גוטע עצות״ האָט דער פּרעזידענט געענטפערט מיט אַ שאָקעל פון קאָפּ; אָדער ער האָט ער־קלערט מיט אַ ליידענשאַפטליכען שמייכעל אויף די ליפּען, אַז די וואָס רופען זיך קריסטען דאַרפען זיין די לעצטע איהם אַזאַ׳ן עצה צו געבען, ווייל דער, נאָך וועמעס נאָמען זיי רופען זיך, זאָל האָבען געזאָגט: דער וואָס האָט ארויפ־געלעגט זיין האַנד אויף אַ אַקער מיט דער כונה פּאַרוועראַטס צו געהן און קעהרט זיך אום צוריק, איז ניט ווירדיג צו בעטהייליגען זיך אין דעם הימלישען קעניגטהום, אין דעם מלכות שמים״.

אַזוי שנעל ווי דער „סאַרדזשענט-עט-אַרמס״ האָט אויסגערופען דעם נאָמען פון דעם פערקלאָגטען, און דעם פּרעזידענטס אַדוואָקאַטען האָבען פערנומען זייערע פּלע־צער רעכטס צו דעם פּאָרזיצענדען ריכטער און די מענע־דזשערס פון דעם אימפּיטשמענט-פּראָצעס האָבען פערנו־מען זייערע פּלעצער גראַדע געגענאיבער, האָט זיך גלייך אָנגעהויבען אַ ווערטער-שלאַכט צווישען די אַדוואָקאַטען פון ביידע זייטען וועגען דער פראַגע: וויפיעל צייט עס זאָל געגעבען ווערען דעם פערקלאָגטען פּאַרצוגרייטען זיין ענטפער אויף דער קלאַגע? דער פּרעזידענט האָט בע־אויפטראַגט זיינע אַדוואָקאַטען זיי זאָלען קעמפּפען אַז דער

פּראָצעס זאָל אָבגעלעגט ווערען אויף אַזוי לאַנג ווי מעגליך. ער האָט זיי פאָרגעשלאָגען זיי זאָלען פאָדערען אַ חודש צייט, וועלען זיי אפשר קריגען צוויי וואָכען. אָבער די אַדוואָקאַטען האָבען איהם אָבגעראטהען פון דעם פּלאַן. זיי האָבען געזאָגט, אַז ס'וועט זיין זעהר ניט פּראַקטיש צו פערלאַנגען מעהר ווי צוויי טעג — די צייט וועלכע איז ערלויבט געוואָרען צו פּרעזידענט דזשאנסאָן פאָרצוגערייטען אַן ענטפער אויף זיין קלאַגע — און, אַז זיי וועלען זיין העכסט צופרידען, אויב זיי וועלען קריגען פינף טעג.

ווי בעקאַנט האָט איינער פון די אימפּיטשמענט מענעדזשערס, מר. ענדערסאָן, גע'טענה'ט, אַז אַזוי ווי דער גאַנצער אינהאַלט פון דעם בעשולדיגונגס-אַקט איז זעהר איינפאַך, אַזוי ווי ריידענדיג מילד וועגען דעם פּרעזידענטס האַנדלונג, מוז מען דאָך זאָגען, אַז זי איז געווען דער פּראָדוקט פון אַ קראַנקען מוח; און אַזוי ווי דאָס לאַנד איז אין געפאַהר יעדע מינוט בעפאַלען צו ווערען פון אַ שונא, דאַרום מוז דער פּראָצעס פאָרקומען שנעל און דער פּרעזידענט דאַרף אַריינברייגען זיין ענטפער אין דעם נעכסטען טאָג. ער האָט פערשפּראָכען אַז ווען דאָס וועט געשעהן וועט דער געגענענטפער גלייך פאָרגעבראכט ווערען און אויף אַזאַ אופן וועט דער פּראָצעס פאָרקומען באַלד.

מר. סעדזשאָנק, איינער פון די פארטיידיגער, וואָס זיינען אויפגעטרעטען פאר'ן פּרעזידענט, האָט שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דער איילעניש מיט וועלכער דער פּראָצעס ווערט געפיהרט. ער האָט דאָס אָנגערופען יום-טיין-לינטשעריי. דער פּראָטעסט איז אָבער זיכער ניט געווען אין דעם פּרעזידענט'ס גייסט. און דאַן איז אַ גרויסער צווייפעל אויב עס האָט זיך געלוינט ארויסצורופען אַזוי פיעל ביטערקייט און צאָרן דורך דעם פּראָטעסט, וואָס, ווי מען האָט פריהער געקענט זעהן, וועט דער זאַך גאָר ניט העלפען. דער אמת איז, אַז וואָס ער זאָל ניט געווען זאָגען, וואָלט דער פּרעזידענט סיי ווי סיי ניט געקראָגען מעהר ווי די צוויי טעג, וואָס זיינען איהם בעוויליגט געוואָרען פאַרצובערייטען און אַריינצוברענגען זיין ענטפער.

הגם עס איז אמת אַז דער פּרעזידענט האָט געמוזט

בעקעמפפען דעם שטאַנדפונקט פון זיינע אייגענע אַדוואָ-קאַטען, דאָך איז עס ניט אמת, אַז זי האָבען איהם געוואָלט אָבריידען פון זיין בעשלום צו ערשיינען פערזענליך אין סענאַט צו ענטפערען אויף די קלאגען וועלכע זיינען געגען איהם געמאַכט געוואָרען. דער גאַנצער וכוח צווישען איהם און זיינע אַדוואָקאַטען איז בעשטאַנען אין דעם וואָס זיי האָבען געפאָדערט אַז אַלעס וואָס דער פרעזידענט האָט בדעה צו זאָגען אַלס אַנטוואָרט אויף די בעשולדיגונגען געגען איהם, זאָל פאַרבערייטעט ווערען שריפטליך אין פאָראויס, און זאָל ווי געהעריג שטודירט און בעטראכט ווערען. דער פרעזידענט האָט אָבער גע׳טענה׳ט אַז ער קען דאָס ניט טהאָן, ווייל וואָס ער וועט זאָגען הענגט אָב פון אומשטענדען און פון די וויכטיגע מאָמענטען אין דעם פראָצעס. איך גלויב, אַז נאָך דיעזען וכוח האָבען דעם פרעזידענט׳ס אַדוואָקאַטען אָנגעהויבען צו פערדעכטיגען אַז דעם פרעזידענט׳ס פערשטאַנד איז געריהרט געוואָרען פון דעם נערוועזען און אָנגעשטרענגטען אַרט לעבען וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געפיהרט. און, איך מוז זאָגען דעם אמת, אַז איך אַליין האָב אויך אָנגעהויבען צו פערדעכטיגען אַז דעם פרעזידענט׳ס מאַנירען און זיינע אויפפיהרונגען זיינען ניט פון אַ נאָרמאַלען מענשען. דאָס איינציגע וואָס ס׳האָט זיך איינגעגעבען איהם איינצוריידען, איז געווען, אַז ער זאָל געניסען עטוואָס נאַהרונג, אום ער זאָל קענען אויסשטעהן די שווערע ליידען וואָס ער האָט דורכגעלעבט און וואָס זיינען פאר איהם נאָך געווען אָנגעגרייט אין דער צוקונפט.

און אַזוי האָט עס פאַסירט, אַז דער פרעזידענט האָט געהאַלטען זיין רעדע אָהן דעם, וואָס פערדיענט אָנגערופען צו ווערען „פאָרבערייטונג״. עס קען זיין אַז ווען דער פרעזידענט איז געגאַנגען רוהען אין זיין צימער דעם אַבענד פאר דעם פראָצעס האָט ער אויסגעפלאנעוועט זיין רעדע אין זיינע געדאַנקען. אויב דאָס האָט פאַסירט, איז דאָס געווען די איין-איינציגע פאָרבערייטונג וואָס דער פרעזידענט האָט געהאַט פאר זיין פערטהיידיגונגס-רעדע.

ווען דער פרעזידענט, זיינע פארטיידיגער און איך

האָבען זיך אַריינגעזעצט אין דער קאַרעטע צוצופאָהרען
צום „קעפּיטאל״, בין איך געווען גרייט אויף אַלעס. עס
איז זעהר ניט אַנגענעהם פאָרבייצופאָהרען לאַנגע שורות
פון אויפגערעגטע מענשען, מיט פּנים׳ער, וואָס דריקען
אוים האס און פעראַכטונג צו אייך: נאָך מעהר אונ-
אנגענעהם איז אָבער ווען איהר ערוואַרט, אַז
יעדען מאָמענט קען קומען פון דיעזער אויפגע-
רעגטער מאַסע עטוואָס שטאַרקער... ווי בלויזע
אויסגעשרייען פון שפּאָט און פעראכטונג. מיר
האָבען זיך בעמיהט צו האַלטען אין געהיים די צייט,
ווען דער פּרעזידענט וועט אָבפאָהרען צום פּראָצעס,
אָבער דער סוד איז אַרויסגעקומען און גרויסע מאַסען מענ-
שען האָבען זיך פערזאַמעלט אַרום דעם „ווייסען הויז״ און
האָבען געוואַרט אויפ׳ן פּרעזידענט ביז ער האָט זיך בע-
וויזען. דאָס בעווייזט אַלץ ווי גרוים עס איז געווען די
אויפרעגונג פון המון. די רייטער-פּאָליציי פערדיענט אַ
גרויסען דאַנק פאר דעם פעהיגען אופן ווי זי האָט געהאַל-
טען דעם גרויסען עולם אין אָרדנונג. אַז די געהיים-פּאָלי-
ציי וועלכע איז געווען פערשפּרייט צווישען די גרויסע
מאַסען מענשען האָט געהאַלטען איהרע אויגען אָפען און
איז געווען טהעטיג, האָט מען געקענט זעהן פון די אָפטע
אַרעסטען וואָס זי האָט געמאַכט. אַזוי שנעל ווי עס איז
געפאַלען אַ חשד אַז ווער עס איז וויל מאַכען אַ פערזוך
אָנצוגרייפען דעם פּרעזידענט׳ס קאַרעטע, אָדער אַזוי צו
שטערען די אָרדנונג איז ער גלייך אַרעסטירט געוואָרען.

דאָך, ניט קוקענדיג אויף די גאַנצע פאָרזיכטיגקייט
פון דער פּאָליציי, פלעגען זיך דורכרייסען דורך דער פּאָ-
ליציי-קייט איינינגע וואָס פלעגען אַריינוואַרפען אין אונ-
זער קאַרעטע אַלעס, וואָס ס׳איז זיי געקומען צו דער
האַנד. מיינער אַ פריינד, אַ הומאָריסטיש-אויפגעלעגטער
ציימונגס-מאַן, האָט צו מיר בעמערקט, ווערענד מיר האָ-
בען געקראָגען איינעם פון אַזעלכע כבודים: „די וועלט
פּראָגרעסירט באמת; זי קרייציגט שוין ניט מעהר איהרע
טרייע דיענער און זי דערלאַנגט זיי שוין מעהר ניט קיין
קרוין פון פערגיפטעטע צווייגען — זי בענוצט זיך דערמיט,

וואָס זי איז זיי מכבד מיט פערפוילטע עפּעל״.

איך געדיינק ווי אַזוי איך האָב דאמאָלט געוואונשען אַז דער פּרעזידענט זאָל בעסער אומקומען פון אַ באָמבע, איידער צו ליידען אַזעלכע בזיונות. אַצונד אָבער, אַז אַלעס איז פאַרביי, דיינק איך, אַז אַלעס וואָס ס׳האָט דעמאָלט פּאַסירט, איז געווען צום גוטען.

אין יענעם שרעקליכען טאָג, ווען דער „סארדזשענט-עט-אַרמס״ האָט אויסגערופען דעם אונגליקליכען בע-פעהל: „דייוויד איזראַעלס, פּרעזידענט פון די פעראייניג-טע שטאַאַטען, טרעט פאָר און ענטפער אויף די אימפּיטש-מענט-אַקטען געגען דיר אין דעם רעפּרעזענטאַנטען-הויז פון די פעראייניגטע שטאַאַטען״, האָט צו מיר אַ סענאַטאר געזאָגט: „די גאַנצע זאַך איז אַזוי לעכערליך און שרעק-ליך, אַזוי טרויעריג און אַזוי זאָנדערבאר, אַז איך ווייס ניט צו זאָל איך וויינען אָדער לאַכען״.

און אַט פאר די מענשען, די גרויסע צאָהל פון וועלכע עס האָבען דעם פּרעזידענט געהאַסט ווי דעם טוידט און איהם בעטראַכט אַלס פעררעטהער; אַט פאר די מענשען, וועלכע האָבען דעם פּרעזידענט פעראורטהיילט אין פאָר-אויס און האָבען מיט דער גרעסטער נייגיעריגקייט גע-ווארט אויף דער געלעגענהייט אויסצופיהרען זייער בייזען משפּט איבער דיזען אָנגעקלאָגטען — אַט פאר דיזע מענשען איז דער שטאָלצער מאַן פון אַמעריקא — דער פּרעזידענט פון אונזער גרויסער רעפּובליק, געשטאַנען אַלס איינער, וואָס איז פערקלאָגט אין בעגעהן שווערע פערברעכענס. זיינע קליידער זיינען געווען פערשמוצט פון די פוילע עפּעל און אייער, וואָס די אויפגערעגטע מאַסע האָט אויף איהם געוואָרפען, ווערענד זיין רייזע פון וויי-סען הויז ביז צום קאָנגרעס-זאַאַל, וואו זיין פּראָצעס האָט בעדארפט פאָרקומען, און אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָט ער דאָס געדארפט ערווארטען אַן „אונפּארטייאישען אורטהייל״.

דאָך ווי שרעקליך און ווי טרויעריג עס איז געווען דאָס בילד פון דעם פּרעזידענט און זיינע פערשמוצטע קליי-דער, זיינען די פערזאַמעלטע שנעל בעאיינפלוסט געוואָ-

רען פון גאַנץ אַנדערע געפּיהלען, ווי די פון האַס און מיטלייד. דער פּרעזידענט איז געשטאַנען אין אַ פּאָזע, וועלכע האָט עדות געזאָגט אַז ער האָט די גאַנצע סיטואַציאָן און זיך זעלבסט געהאַט אונטער זיין פאָלשטענדיגער קאָנטראָלע. אַ שווידער איז מיט אַ מאָל דורכגעגאַנגען צווישען אַלע אַנוועזענדע אין זאַל: צווישען וועלכע עס זיינען געוועזען די מיטגליעדער פון קאָנגרעס, סענאַטאָרען, ריכטער פון העכסטען געריכט און קאַבינעט מיטגליעדער, דיפּלאָמאַטען פון אויסלענדישע רעגיערונגען און זייערע פרויען, וועלכע האָבען פערשיינט די גאַלערייען מיט פּרעכטיגע מונדירען און טייערע קליידער, בריליאַנטען און ציערונגען. — ווען דער פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען האָט זיך אָװעקגעשטעלט פּנים אל פּנים מיט זיינע קלעגער און ריכטער, וואָס האָבען איהם בעשולדיגט אַז ער איז געוועזען פאַלש צו זיין שבועה צו בלייבען טריי דעם פאָלק פון די פעראייניגטע שטאַאַטען, און אין הויך-פעררעטה צו דעם אַמעריקאַנער פאָלק, אַליין מודה. איך האָב דאָס געטהאָן פריי און אָפען. פאַר איז בעשאַפען געוואָרען צווישען די אַנוועזענדע אַנ׳אַנדערע — אַ ניכטערערע שטימונג.

עס האָט זיך בלויז געהערט אויף אַ קורצער ווײלע ווי איינער דעם אַנדערען האָט עטוואָס איינגערוימט אין אויער בסוד מיט אַ געפּיהל פון ערשטוינען און שרעק. דאָס איז געוועזען דערפאַר, ווייל אַלע האָבען געפּיהלט, אַז ס׳פּאַסירט אפשר צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון אַמעריקא, דאָס דער פּרעזידענט זאָל דירעקט אויפטרעטען פאַר די פערטרעטער פון אַמעריקאַנער פאָלק און פאַר זיי האַלטען אַ רעדע פערזענליך און נאָך וואָס פאַר אַ רעדע!

און אונטער וועלכע אומשטענדען!

ווען די פאָרמאַליטעטען זיינען פאָראַיבער און דער פּרעזידענט האָט זיך אויפגעשטעלט צו ענטפערן אויף די בעשולדיגונגען געגען איהם, האָט יעדער געקאָנט זעהן אַז זיין פּערזאָן האָט אויף זיך געטראָגען דעם שטעמפּעל פון האַס, פעראַכטונג און פערדאמונג מצד פון אַמעריקאַנער פאָלק: די ביטערע געפּיהלען און שמערצען, וועלכע ער

האָט דורכגעלעבט אין פערלויף פון די לעצטע וואָכען. האָבען זיך געצייגט אויף זיין ליידענדען געזיכט.

איך וויל דאָ נאָר איבערגעבען אייניגע וויכטיגע שטעלען פון פּרעזידענט איזראַעלס׳ רעדע פאר דעם סענאַט פון די פעראייניגטע שטאַאטען — אַ רעדע, וועלכע וועט וואַהרשיינליך פערבלייבען אַלס איינע פון די וויכטיגסטע אַמעריקאַנישע היסטאָרישע דאָקומענטען.

דער פּרעזידענט האָט פון אָנפאנג אָן צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון יעדען אנוועזענדען, ווייל ער האָט זיין רעדע אָנגעפאנגען מיט אַ רוהיגען און געלאַסענעם טאָן. ער האָט געזאָגט אַז ס׳טהוט איהם זעהר לייד וואָס ער איז די אורזאַך פון אַזוי פיעל טומעל און אויפרעגונג. אַם מייסטען איז ער געערגערט דערפון וואָס ער איז געוועזען געצוואונגען אַריינצוברייננען זיינע פריינד אין קאָנגרעס און אין סענאַט אין אַזאַ לאַגע, אַז זיי מוזען זיין זיינע בעשולדיגער און ריכטער. גלייך נאָכדעם האָט געפאָלגט אַ דעליקאטנע אָנצוהערעניש און איראָניע, אַז ער ווייסט דאָס ס׳וואָלט אפשר זיין פיעל אַנגענעהמער און בעקוועמער ווען, אנשטאט צו זיין בעאונרוהיגט צוליעב איהם, וואָלט מען געקענט אונגעשטערט פערגיסען אַביסעל דייטשע בלוט. דער שטאַרקסטער פונקט פון דעם אָנפאנג פון פּרעזידענט׳ס רעדע איז געוועזען זיין אָפענהערציגע ערקלערונג, אַז אויב די סענאַטאָרען וועלען געפינען פאר זייער פליכט איהם צו ערקלעהרען שולדיג און אויף שטענדיג ביי איהם אַוועקנעהמען דאָס רעכט צו בעקליידען אירגענד וועלכען עפענטליכען אמט, וועט ער געגען זיי קיין שנאה ניט טראָגען, ווייל ער וועט זיין העכסט צופרידען זיך צו בעפרייען פון זיין שווערער משא. דאָס מיינט ניט אַז עס וואָלט איהם ניט געקריינקט וואָס איהם איז בעשערט צו ענדיגען זיין קאַריערע אויף אַזאַ טרויעריגען אופן; ער וואָלט אָבער געפונען אַ גרויסע באפרידיגונג אין דעם גלויבען אַז ער האָט געטהאָן דאָס בעסטע וואָס ער האָט געקענט, אפילו ווען צוליעב דעם איז ער געוועזען געצוואונגען זיך פאַנאַנדערצוגעהן מיט די מיינונגען פון זיינע בעסטע פריינד און מיט יעדען אַנדערן מענשען.

נאָך אַ קורצער פאוזע האָט דער פרעזידענט ווייטער פאָרטגעזעצט אַז ער נעהמט אָן אַז די סענאַטאָרען וועלען די אַנגעלעגענהייט בעטראכטען מיט אַ ריינעם געוויסען, פריי פון דעם איינפלוס פון דעם המון און פון וועלכע עס איז פארטייליכקייט, ווייל די קאָנסטיטוציאָן פון די פעראייניגטע שטאַאַטען, ארויפלייגענדיג די פליכט אויף די סענאַטאָרען צו בעזייטיגען פון אַמט יעדען ציווילנעם בעאַמטען, וועלכע זיי וועלען געפינען שולדיג אין אונעהרליכקייט, אָדער אונטרייקייט צום אַמעריקאַנער פאָלק, האָט זיי אין דעם פרט געמאַכט פאר די העכסטע ריכטער אין לאַנד. מיט אַנדערע ווערטער: ווען זיי פערהאַנדלען אַזעלכע קלאגען, הערען זיי אויף צו זיין דעלעגירטע, פערטרעטער פון פאָלק, זיי ווערען ריכטער. און ריכטער מוזען אורטהיילען עהרליך און אונפארטייאיש.

„איך שטעה פאר אייך" האָט דער פרעזידענט געזאָגט „אימפיטשט דורך דעם רעפרעזענטאַנטען-הויז אין נאָמען פון אַמעריקאַנער פאָלק. אויף אַזאַ אופן בין איך דער בעשולדיגטער און דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק איז דער קלעגער: און, ווירדיגע סענאַטאָרען! עס איז ניט אייער פליכט אַז איהר מוזט אונבעדינגט צוליעב-טהאָן מיט אייער ענטשיידונג דעם פאָלק, גראדע ווי עס איז ניט אייער פליכט מיר צוליעב צו טהאָן. איהר זייט ניט קיין אַגענטען פון די ביידע פאַרטייען. עס איז אייער פליכט ארויסצוגעבען וועגען דער קלאגע אַן ענטשיידונג וואָס זאָל זיין אין איינקלאנג מיט געזעץ און יושר".

„איך בין איינשטימיג מיט מר. ענדערסאָן, דעם מענעדזשער פון פראָצעס, אַז דער גאַנצער פראָצעס איז אַן איינפאַכער און די פאַקטען זיינען איינפאכע. עס וועט ניט נויטיג זיין צו רופען עדות צו בעווייזען אַז איך האָב ניט אָנגענומען קיין שום מיטלען פאָרצובערייטען דאָס לאַנד פאר מלחמה און אַז איך האָב בעפוילען אונזער נאָרט-אַטלאַנטיק פלאָטע צו פעררייזען קיין טירקיי. אַלעס דאָס בין איך אַליין מודה. איך האָב דאָס געטהאָן פריי און אָפען, פאר די אויגען פון דער גאַנצער וועלט. די גאַנצע פראגע איז נאָר: צי זיינען די טהאַטען געוועזן אַזעלכע, וועלכע דאַר-

פען בעצייכענט ווערען אַלס „הויכע פערברעכענס און פערלעטצונגען, לויט דער פאָרשריפט און דעם געדאנקען פון אונזער קאָנסטיטוציאָן?״

דער פרעזידענט האָט דאַן אַנאַליזירט די אומשטענדען, אונטער וועלכע די קאָנסטיטוציאָן איז פערפאסט געוואָרען און ער האָט בעהויפטעט, אַז גראדע ווי די פערפאַסערם פון דער קאָנסטיטוציאָן האָבען געהאַנדעלט פערנינפטיג ווען זיי האָבען ערקלעהרט די בעדייטונג פון „פערראטה״, אַזוי — האָט דער פרעזידענט געזאָגט מיט אַ לייכטער איראָניע, — איז צום גליק פאר איהם געוועזן פערנינפטיג וואָס זיי האָבען ניט דערקלעהרט די בעדייטונג פון די ווערטער „הויכע פערברעכענס און פערלעטצונגען״, אויפ׳ן גרונד פון וועלכע אַ ציוויל-בעאַמטער קען אַרונטערגעזעצט ווערען פון זיין אַמט. דורך דעם האָבען זיי דעם פאָלק געגעבען די געלעגענהייט און די מעגליכקייט אַרונטערצוזעצען פון אַמט יעדען פרעזידענט וועלכער וועט אויפהערען צו פערטרעטען דעם ווילען פון פאָלק און וועט ברייגנען שאָדען די אויפגאַבען און ציעלען וואָס די קאָנסטיטוציאָן האָט פאָרגעשריבען לטובת דעם פאָלק. דיעזע אויפגאבען זיינען, ווי עס ווערט ערקלעהרט, אין דער הקדמה צו דער קאָנסטיטוציאָן: „די איינפיהרונג פון געזעץ און גערעכטיגקייט, מעגליך צו מאַכען דעם אַלגעמיינעם שוץ און פריעדען, צו העלפען דעם אַלגעמיינעם וואָהלזיין און צו פערזיכערן די ברכה פון פרייהייט פאר אַלע איינוואָהנער פון אונזער לאַנד״.

איבערהויפט האָט דער פרעזידענט שטאַרק בעטאָנט — וויל ער ניט אַז דער פראָצעס צווישען איהם און דעם פאָלק פון די פעראייניגטע שטאַאטען, זאָל אויף דאָס מינדעסטע געשטערט ווערען דורך טעכנישע דריידלעך און אדוואָקאטסקע-מאַנעווערס. ער וויל אַז דער פראָצעס זאָל ענטשיעדען ווערען אויף דעם ברייטען געדאנק, אויף דעם גרויסען פרינציפ אַז די רעכטע און דאָס וואָהלזיין פון אַמעריקאנער פאָלק מוזען שטענדיג בעשיצט ווערען, און דאָס איז די הויפטזאַך.

דאָ האָט דער פרעזידענט געמאַכט נאָך אַ פאַוזע און,

ווערענד ביז יעצט איז דער טאָן פון זיין רעדע געווען אַ שטילער, איז זיין ארט רעדען יעצט געוואָרען אַלץ שטאַרקער און אַלץ איינדרוקספולער. דאָס וואָס מען קען בעצייכענען אַלס דעם דריטען קאַפּיטעל פון זיין רעדע, איז געווען זיין בעהויפּטונג, וועלכע האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ טיעפען און אונפערגעסליכען איינדרוק דורך איהר שטאַרקייט און אויפריכטיגקייט, אַז ער האָט אַ זיכערען און פאָלשטענדיגען גלויבען אין די פרייע רעגיערונגס-איינריכטונגען פון אונזער לאַנד און אין איהר סיסטעמע פון פאָלקס-פערטרעטערשאַפט, וועלכע האָט איהם, אַלס פּרעזידענט, געמאַכט צום דירעקטען פאָלקס-פערטרעטער, און דער פּרעזידענט האָט מיט אַן איבערציינגענדען טאָן פאָרטגעזעצט, „וואָס דאַרף זיין די פליכט פון אַ רעפּרעזענטאַנט פון פאָלק? אַזוי ווייט ווי איך פערשטעהע עס, איז עס די פליכט פון אַ רעפּרעזענטאַנט פון פאָלק אויסצוגעפינען דאָס בעסטע און דאָס עדעלסטע צווישען דעם פאָלק — זיינע ריינסטע, עהרליכסטע און בעסטע אידעאַלען. און דאָס דאַרף זיין זיין „לייט-מאָטיוו״, זיין שיטה, זיין פּלאַן, לויט וועלכע ער דאַרף זיך פיהרען. און ווען ער איז איבערציינגט אַז דאָס וואָס עס ווערט געפאָדערט אין אַ בעשטימטער זאַך, לויט דעם דערמאָנטען לייט-מאָטיוו, נעמליך: וואָס ס'איז אַם בעסטען און אַם שעהנסטען אין פאָלק איז ניט אין איינקלאַנג מיט זיין אייגענעם בעגריף וועגען דעם וואָס עס דאַרף געטהאָן ווערען, מוז ער דאָך אויספיהרען דעם ווילען פון פאָלק אויף ווי ווייט ער קען, כאָטש ער איז איבערציינגט, אַז זיין בעגריף וועגען דער שטעלונג, וואָס ס'דאַרף גענומען ווערען איז אַ העכערער און אַ בעסערער. דאָס דאַרף ער, דאָס מוז ער טהאָן, אָדער ער מוז רעזיגנירען פון זיין אַמט״.

ער האָט בעהויפּטעט, אַז ער קען ניט בעגרייפען ווי אַזוי רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפטען קענען אַרבייטען מיט ערפאָלג אויב דאָס איז ניט די פליכט פון אַ פאָלקס-רעפּרעזענטאַנט. אָבער עס איז גראַדע אַזוי וויכטיג פאַר דעם פערטרעטער אַז ער זאָל זיין איבערציינגט דאָס יעדע פאָדערונג קומט פון דעם וואָס ס'איז אַם בעסטען אין

פאָלק (מיינענדיג דאָס גאַנצע פאָלק) ווי עס איז וויכטיג פאַר איהם צו זיין פאָרבערייטעט אויסצופיהרען דיעזע פאָדערונג, ווען ער איז איבערצייגט, אַז די דאָזיגע פאָדערונג קומט פון דעם, וואָס איז אם בעסטען אין פאָלק.

דאָס איז נאָר אַן אַנדער אופן אויסצודריקען דעם געדאנקען אַז די רעגיערונג דאַרף אימער מיטהאלטען מיט די העכסטע געדאנקען וועלכע פיהרען די מענשהייט אַלץ נעהענטער און נעהענטער צו דעם ענדציעל פון דעמאָקראַטי — זעלבסט-רעגיערונג.

דער פּרעזידענט האָט דאַן בעטראכט דעם פאקט אַז דאָס פאָלק, אָדער וועניגסטענס, די גרעסטע מאַיאריטעט פון פאָלק, האָט בלי ספק פערלאַנגט פון איהם ער זאָל, אַלס דער הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער ארמעע און פון דער פלאָטע, פאָרבערייטען דאָס לאנד פאר אַ מלחמה מיט דייטשלאנד. די פאָדערונג, האָט ער געזאָגט, איז געווען אַזוי בעשטימט און ענטשיעדען אַז ער האָט זי גאַנץ דייטליך געהערט און פערשטאַנען. ביי דיעזען פּונקט האָט זיך געהערט אַ שטילער געלעכטער פון די פערזאמעלטע און אויף זייערע געזיכטער האָט זיך געמערקט אַ מילדער שמייכעל. מען האָט געקענט דייטליך זעהן, אַז דער פּרעזידענט געווינט אַלץ ווייטער און ווייטער דעם עולם אויף זיין זייט. און ער האָט ווייטער פאָרטגעזעצט: דער פּרעזידענט האָט זיך ענטזאגט דיעזע פאָדערונג דורכצופיהרען. פאר וואָס? גאַנץ איינפאַך דערפאר, ווייל ער איז ניט געווען זיכער אַז דיעזע פאָדערונג קומט פון דעם וואָס ס׳איז אַם בעסטען אין פאָלק. קיינער האָט ניט געקענט צווייפלען אַז דאָס פאָלק האָט געוואָלט די מלחמה מיט דייטשלאנד, הויפּטזעכליך דערפאר, וואָס צוליעב אַ סכסוך וועגען טעריטאָריעלע גרעניצען זיינען 4 אַמעריקאנישע מאַטראָזען ערמאָרדעט געוואָרען אויפ׳ן בעפעהל פון אַ קאָמאַנדיר פון אַ דייטשער שיף. מען קען אויף אַזאַ אופן קלאָהר זעהן אַז די פאָדערונג פאר אַ מלחמה ווערט געשטעלט צוליעב מאָטיווען פון ראכע פון דער זעלבער חיה-אינסטינקט פון דעם אינגעל אויף דער גאַס וואָס װארפט זיך מיט פעסטגעמאַכטע פויסטען אויף זיין חבר כדי פון איהם ראַכע צו

נעהמען.

דער פרעזידענט האָט צוגעגעבן אַז די ערמאָרדונג פון די מאַטראָזען איז אַ זעהר בעדויערענסווערטהע און ערנסטע פּאַסירונג. אויב די דייטשע רעגיערונג וואָלט גוט-געהייסען דיעזען פערברעכען פון איהרע מאַטראָזען, דורך דעם וואָס זי וואָלט זיך ענטזאגט זיי צו בעשטראפען פאר דעם פערברעכען, דאמאָלט וואָלט אונזער רעגיערונג אפשר געהאָט אַ רעכטפערטיגונג צו ענטשיידען דיעזען פאל מיט׳ן שווערד. דער פּרעזידענט האָט בעטאָנט דאָס וואָרט „אַ פ ש ר״, ווייל אפילו אין דעם לעצטען פאַל איז ער ניט געווען זיכער אויב אַ מלחמה וואָלט זיין גערעכט, ווארום ס׳איז מעגליך, אַז דאָס וואָס ס׳איז אָם בעסטען און אָם איי-דעלסטען אין פאָלק וואָלט אויך דאַן צופריעדען געווען אַז די זאַך זאָל געשליכטעט ווערען דורך אַ פּשרה פון אַ ניט-פּעראינטערעסירטען טריבונאַל. ביי דיעזען פּונקט האָט מען געקענט הערען שטילע בעמערקונגען, וועלכע האָבען דייטליך בעוויזען אַז דער עולם איז מיט דיעזער שטעלונג פון פרעזידענט לגמרי אונצופריעדען. דער פּרע-זידענט האָט אָבער דאָך רוהיג פאָרטגעזעצט, אַז אין דיע-זער הינזיכט האָבען מיר די אויטאָריטעט פון איינעם פון מיינע בעריהמטעסטע פאָרגענגער פאר דעם שטאַנדפּונקט דאָס מיר דאַרפען זיך ניט איילען אריינצושפּרינגען אין אַ מלחמה, ווען עס פאַסירט אַ סכסוך צווישען אונז און אַן אַנדער מאַכט.

דער אמת איז אַז מיר האָבען דעם דייטשען פאָלק ניט געגעבען די געלעגענהייט עס זאָל גוטמאַכען דעם שאַ-דען און בעזייטיגען דאָס אונרעכט וואָס עס האָט אונז געטהאַן. גראדע פאַרקעהרט: דער געשריי פון אונזער המון פאר מלחמה געגען דייטשלאַנד האָט ביי דייטשלאַנד אַוועקגענומען די מעגליכקייט דעם שאַדען צו אונז צו פער-ריכטען.

דער פּרעזידענט האָט נאָך דעם אָבגעגעבען אַ פאָל-שטענדיגע ערקלעהרונג וועגען אַלע זיינע פערהאנדלונגען מיט בערלין. ער האָט בעהויפטעט מיט שטארקער לאָגיק אַז דאָס וואָס ער האָט געלאָזט וויסען בערלין, אַז די דייטשע

רעגיערונג אַליין מוז בעשטימען די שטראָף פאַר איהרע מאַטראָזען און די סומע פון דעם שאַדענערזאַץ אַלס פערגיטיגונג פאַר דעם אונרעכט וואָס זיי זיינען געגען אונז בעגאַנגען — אַז דערמיט אַליין האָט ער בעוויזען דער דייטשער רעגיערונג ווי ערנסט עס איז געווען דער שאַדען און ווי גרויס עס איז די אונגערעכטיגקייט וואָס ס׳איז אונז געטהאָן געוואָרען דורך זייערע מעטהאָדען.

דאַן האָט ער זעהר שטאַרק געלויבט דעם דייטשען קייזער און זיין רייכס-קאַנצלער און האָט אויסגערופען: זיינען דיעזע מענשען אַזעלכע באַרבאַרען אַז מיר קענען זיי ניט אנפערטרויען, אין געגענוואַרט פון דער גאַנצער וועלט צו טהאָן דאָס וואָס ס׳איז רעכט?״ און מיט אַ שטאַרקער, לויטערער שטימע האָט ער ערקלעהרט, אַז ער האָט דעם פאָלשטענדיגסטען פערטרויען אין זיי דאָס זיי וועלען האַנדלען מיט יושר און גערעכטיגקייט צו אונזערע בירגער. ער האָט בעהויפּטעט אַז דאָס וואָס ס׳האָט ביז אַצינד פּאַסירט גיט ניט די מינדעסטע אָנדייטונג אז דייטשלאנד איז ניט בערייט צו טהאָן אַלעס וואָס ס׳ליגט אין איהר מאַכט צו האַנדלען געגענאיבער אַמעריקא גערעכט. און אַז אַלס אַ שטאַרקע מאַכט, אַלס אַ רעגיערונג וואָס באַזיצט זעלבסט-רעספּעקט, קען זיך דייטשלאַנד ניט ערנידעריגען צו מאַכען אונז פערגיטיגונגס-פאָרשלעגע אַזוי לאַנג ווי מיר האַלטען אין איין ליאַרמען וועגען מלחמה און סטראַשען זי אלע מאָל אַז מיר וועלען ביי איהר מאַכען אַ בלוט-באָד.

און ווער איז יענע נאַציאָן מיט וועמען מיר זיינען אַזוי נייגעריג מלחמה צו האַלטען? דער פּרעזידענט האָט בעטאָנט, אַז מיר קענען לאָזען אויסער אַכט דעם שאַדען וואָס די דייטשען קענען אונז טהאָן, ווארום דער וויכטיגסטער פּונקט, וועלכער מוז בעטראַכט ווערען איז: אַז ווען מיר זאָלען פערפיהרען אַ מלחמה מיט דייטשלאַנד, מוזען מיר זיי אָנטהאָן אזוי פיעל שאַדען, וויפיעל עס וועט זיין אין אונזער מאַכט. עס איז אַ פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ אין מלחמה, אַז מען מוז יענעם פעראורזאַכען אזוי פיעל און זיך אַזוי ווייניג שאַדען ווי מעגליך! דאָס מיינט אַז מיר ווע-

לען דאַרפֿען ערמאָרדען און פערקריפּלען אַזוי פיעל דייטשען ווי מעגליך, אַז מיר וועלען פערכאַפּען זייער לאַנד, עס פערוויסטען און פערטרענקען אין בלוט, ווילען מיר דאָס אויף אנ׳אמת׳ן? זיינען מיר בערייט דאָס צו טהאָן?

דער פּרעזידענט האָט גערעדט אין אַ זעהר סימפּאַטישען טאָן און מיט גרויסען ענטוזיאַזמוס וועגען דעם כאַראַקטער פון דייטשען פאָלק; וועגען דער שעהנקייט פון זייערע שטעדט און דער גרויסקייט און ערהאַבענקייט פון זייער ציוויליזאַציאָן. מיר מעגען ניט זיין איינפערשטאַנדען מיט דער פאָרמע פון זייער רעגיערונג, אָבער עס איז ניט אונזער זאַך אַ דעה צו זאָגען וועלכע פאָרמע פון רעגיערונג עס פּאַסט זיך פאר זיי אַם בעסטען, אַזוי לאַנג ווי זיי אַליין זיינען מיט דער פאָרמע פון זייער רעגיערונג צופריעדען און אַזוי לאַנג ווי זיי טהוען אונז דערמיט קיין שאדען ניט. ער האָט גערעדט מיט גרויס רעספּעקט און התלהבות וועגען דער איינפאַכקייט און וועגען דער מאָראל פון דעם דייטשען פאָלק און וועגען דער ריינליכקייט פון זייער פאַמיליענלעבען און האָט אַרויסגערופען טרערען אין די אויגען פון די גוט-הערציגע מענשען. אַזוי פּראַכטפאָל האָט ער געשליידערט דאָס שעהנע, סימפּאַטישע בילד פון דעם פאַמיליענלעבען פון אַ דייטשען בירגער, אַז יעדער האָט כמעט געקענט זעהן קלאָהר פאר זיינע אויגען ווי די קינדער טאַנצען אַרום אין הויז אַרומגערינגעלט פון זייערע ליעבענדע עלטערן און גרויס-עלטערן. ציטירענדיג אייניגע אומעטום בעקאַנטע שטעלען פון בעריהמטע דייטשע פּאָעטען, האָט ער בעוויזען ווי אַזוי דער עצם פון דער ווייכער און פיינער דייטשער שפּראַך זיינען געאייגנעט פאר אויסדריקע פון ליעבע און פריינדשאַפט און שעהנקייט. ער האָט דאָן געשילדערט אַ מאָרגען-בילד, וואָס ער האָט בעגעגענט ווען ער האָט שטודירט אין דייטשלאַנד. דאָס איז געווען אַ בילד פון אַ יונגען בויער, וואָס איז ערמאָרדעט געוואָרען פון זיינע חברים צוליעב מחלוקת און ער האָט פאַרגעשטעלט דאָס בילד פון דיעזען ערמאָרדעטען יונגען בויער, פערמעהרט אין די צעהנער-טויזענדער, אויב דער קריעג וואָלט ערקלעהרט געוואָרען. נאָך דעם האָט

זיך דער פּרעזידענט אַריינגעלאָזט אין אַ וויסענשאַפטליכער אונטערזוכונג וועגען די פּינקטליכקייט און די סיסטעמאַטישע מעטהאָדען וואָס די דייטשען פערפאָלגען אין אַלץ וואָס זיי טהוען; וועגען דעם חוב וואָס די וועלט איז שולדיג דייטשלאַנד פאר די וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען און ענטדעקונגען אויף יעדען געביט פון קונסט און וויסענשאַפט און וועגען דעם גרויסען חוב וואָס אונזערע אייגענע בילדונגס און ערציהונגס-אַנשטאַלטען זיינען שולדיג דייטשלאַנד. ער האָט אָנגעצייגט ווי אַזוי דאָס דייטשע פאָלק האָט פארענטפערט שווערע פּראָבלעמען וועגען מוניסיפאל רעגיערונג, ווי אַזוי די דייטשע מוניסיפּאַל-רעגיערונגען האַלטען זייערע שטעדט אין אַ געזונדען און ריינעם צושטאַנד. דאן האָט דער פּרעזידענט זיך אָבגעשטעלט אויף די גרויסע פערדיענסטען פון די דייטשע פּאָעטען און מוזיקער און קינסטלער. קורץ, ער האָט גערעדט וועגען דייטשלאנד ניט נאָר אַלס דאָס לאַנד פון פילאָזאָפען און וויסענשאַפטסמענער ווי: ווירכאָוו, העלמהאָלץ, העגעל און קאנט, נאָר אויך אַלס דאָס לאַנד פון די פּאָעטען און מוזיקער: געטהע, שילער, היינע, וואגנער און בעטהאָווען, און ער האָט אויסגערופען:

„אָט אויף דיעזען לאַנד האָבען מיר, אין אַן אָנפאל פון לייכטזין, געוואָלט אָנפאלען און דאָס פערוויסטען, און עס איז ניט אָנגעגעבען געוואָרען קיין בעסערער מאָטיוו ווי דער אַז מיר דאַרפען בעצאָהלען שלעכטס פאר שלעכטס, מיט אַנדערע ווערטער: ראכע. איז דאָס דער איינציגער, איז דאָס דער העכסטער אידעאַל, פון וועלכען דאָס אַמעריקאַנער פאָלק קען אַצונד בעגייסטערט ווערען?” ניין! אַ זאַ זאך קען ער ניט, און וועט ניט גלויבען! אויב עס וואָלט געשעהן נאָך דעם ווי די זאַך וואָלט געהעריג בעטראכט געוואָרען אויף אַ רוהיגען און פערנינפטיגען אופן; אויב די פראגע וואָלט בעטראכט געוואָרען אין דעם גייסט פון טיעפער רעליגיעזער ערנסטקייט און דאָס אַמעריקאנישע פאָלק וואָלט געקומען צום שלום אַז ס'איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג ווי צו ערקלעהרען קריעג דייטשלאנד, דאמאָלט וואָלט ער, אַלס דער רעפּרע-

זענטאַנט פון פאָלק, אַלס זיין פרעזידענט, אַלס זיין דיע-
נער אָנגעווענדעט אַלע זיינע מעגליכקייטען אַז די מלחמה
זאָל אָנהאלטען אַזוי קורץ ווי מעגליך, דורך דעם וואָס ער
וואָלט די מלחמה געמאַכט אַזוי שרעקליך ווי מעגליך.
אָבער ער האָט עס בשום אופן ניט געקענט בעטראַכטען
פאר זיין פליכט צו זיין זייער דיענער, ווען זייערע שטימען
געהען אַרוים פון די גרענעצען פון פערנונפט; ווען זיי
ווערען אויפגערעגט און האַנדלען ווי צולאָזענע קינדער.
דאָס האָט ער ניט געקענט טהאָן, דאָס וועט ער נישט טהאָן!

דאָס איז געווען דער שלום-טהייל פון דעם פרעזי-
דענט׳ס רעדע. יאָ, די געדאנקען, וועלכע זיינען אויסגע-
דריקט געוואָרען ביים שלום פון דער רעדע, זיינען געווען
ווי דאָס שאלען פון אַ שופר, וועלכעס האָט געלאָזט וויסען
אַז עס זיינען אָנגענומען געוואָרען נייע מעטהאָדען ווי אַזוי
איין פאָלק זאָל שליכטען זיינע מחלוקת׳ן, זיינע מיספער-
שטענדניסען מיט אַן אַנדער פאָלק. און, ווענדענדיג זיך
דירעקט צו די סענאַטאָרען, וואָס דאַרפען זיין די ריכטער
צווישען איהם און דאָס פאָלק, האָט דער פרעזידענט גע-
זאָגט אַז ער קומט אצונד צו דעם רעכטען עיקר פון דעם
ענין.

„דייטשלאנד וועלכע האָט געהערט די יובעל-געשריי-
ען פאר מלחמה, וועלכע האָט געזעהן אין דער פרעסע די
דראָהונגען פאר מלחמה, האָט מאָביליזירט איהר אַר-
מעע, צוזאמענגענומען איהר פלאָטע, וואָס איז פיעל פער-
גרעסערט געוואָרען דורך די האַנדעלסשיפען, וועלכע זיי-
נען אָבגעצויגען געוואָרען פון די וואסערען וואו זיי זיינען
געשוואומען פאר קאָמערציעלע צוועקען און זיינען אָנ-
געשלאָסען געוואָרען אין דער רעגולערער פלאָטע. דייטש-
לאַנד האָט זיך פאָרבערייטעט אריבערצוברייינגען אַ שטאַר-
קע פלאָטע און אַ מעכטיגע אַרמעע אין אונזער לאַנד אַלס
אַן ענטפער אויף אונזער קריעג-ליארעם. און אונזער לאַנד
האָט ניט געהאַט קיין רעכט גענען דעם צו פראָטעסטירען.

„אונזער פאָלק האָט געפאָדערט אַז מיר זאָלען פער-
שטאַרקען אונזער אַרמעע, קרעפטיגען אונזערע פעסטונגען
און בעדייטענד פערגרעסערען אונזער פלאָטע, אום מיר

זאָלען זיך קענען שטיצען געגען אַן אָנגריף פון די דייטשען. אַלם פּרעזידענט האָב איך זיך ענטזאגט דאָס צו טהאָן. איך האָב זאָגאר געהאַנדעלט אַזוי ענטשיעדען געגען דעם דירעקטען וואונש און די פאָדערונגען פון פאָלק, אַז איך האָב אַוועקגעשיקט דעם גרעסטען און בעסטען טהייל פון דער פלאָטע אין אַזאַ ווייטען עק פון דער וועלט, וואו זי וועט ניט קענען ניצליך זיין אין דער מלחמה ניט אָנצוגרייפען און ניט פאר פערטהיידיגונגס-צוועקען. דיעזע האַנדלונגען מיינע ווערען בעטראכט אַלם הויכע פערברעכענס און פערלעטצונגען געגען פאָלק, לויט דער פאָרשריפט פון דער קאָנסטיטוציאָן.

ער האָט צוגעגעבען אַז די מעגליכקייט דאָס דייטשלאַנד זאָל אַרויסזעצען אויף אונזער באָדען אַ גרויסע אַרמעע און פערשפּרייטען איהר גרויסע ארמאדא אויף אונזערע וואַסערען איז אַ זעהר גרויסע געפאהר און ס'איז זיין פליכט צו זאָרגען דאפיר, אַז דאָס לאַנד זאָל ווי געהעריג בעשיצט ווערען. אויב ער וואָלט דורך פייגהייט אָדער דורך וועלכער אַנדערער אורזאכע פערנאַכלעסיגט צו נעהמען שריטע צום שוטץ און פערטהיידיגונג פון לאַנד, וואָלט ער פּאָזיטיוו שולדיג זיין און די פערברעכענס אין וועלכע ער ווערט בעשולדיגט. אָבער פריהער פאר אַלץ דאַרף בעשטעטיגט ווערען, אַז ער האָט אויף אַזאַ'ן אופן זיין פליכט פערנאַכלעסיגט, אַז זיינע מאָטיווען זיינען געווען אונעהרליכע. ערשטענס מוזען די סענאַטאָרען געדענקען אַז לויט דער קאָנסטיטוציאָן איז ער, אַלס דער הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער אַרמעע און דער פלאָטע, בעפאָלמעכטיגט צו האַנדלען לויט ווי זיין פערשטאַנד דיקטירט איהם אין אַזעלכע ענינים, וואָס זיינען שייך מלחמה און שוטץ געגען אַ פיינד. לויט דיעזער בעפאָלמעכטיגונג האָט ער אַ רעכט זיך ניט צו רעכענען מיט די מיינונגען פון פאָלק וואָס סאר'ע מיטלען ער דאַרף אָננעהמען אום דיעזען צוועק צו עררייכען.

צווייטענס, מוזען די סענאַטאָרען געדענקען, אַז ער האָט געדאַרפט דאָס לאַנד בעשיטצען געגען די פאָלגען פון אונזער אייגענער אויפרעגונג, ווייל עס איז די פליכט פון

יעדען רעפּרעזענטאַנט פון פאָלק צו בעשיצען דאָס פאָלק געגען יעדען איבעראיילטען שריט וואָס עס מאַכט אין אַ צייט פון אויפרעגונג. ווארום צו קען דען עמיצער צווייפלען, אַז אויב מיר וואָלטען מאָביליזירט אונזער אַרמעע און צוזאמענגעבראכט אונזער פלאָטע געגען דייטשלאנד, אַז מיר וואָלטען געמוזט אַריינגעצויגען ווערען אין אַ מלחמה מיט דייטשלאנד?

אום צו ענטפערען אויף דיעזע פראגען, דארפען די סענאַטאָרען בלויז בעשטימען וואָס פאר אַ ווירקונג עס וואָלטען געמאַכט אַזעלכע נייעס-קעפּלאך אין די צייטונגען, ווי למשל: „מיליטער-טרופּען צום פראָנט“, אָדער „די יונייטעד סטייטס פלאָטע פערטיג פאר מלחמה“. ער בעטראכט, אַז ס׳איז פערהאַנען עטוואָס, וואָס ס׳איז דירעקט פעראנטוואָרטליך דערפאר, וואָס דייטשלאנד האָט ניט אַריבערגעשיקט צו אונז ביז אַצונד איהר פלאָטע און אַרמעע. אפילו איצטער ליגען די דייטשע קריעגס- און טרופּ - שיפען אין זייערע האפענס און ריהרען זיך ניט פון אָרט. וארום? וואָס איז דאָס אַזעלכעס וואָס האַלט פעסט דיעזע שיפען אויף די אַנקערס אין זייערע פּאָרטען? עס איז פיעל שטאַרקער, פיעל מעכטיגער ווי די פלאָטע און די אַרמעע וועלכע ער: אַלס זייער הויפּט-קאָמאַנדיר, וואָלט געקענט אַרויסשטעלען פאר פערטהיידיגונגס- אָדער אנגריפס- צוועקען. דיעזער „עטוואָס“ איז פיעל שטאַרקער ווי די פעראייניגטע אַרמעען און פלאָטען פון דער גאַנצער וועלט. דיעזער ע ט ו ו אָ ס, וואָס האַלט די דייטשע שיפען האַרט ביין אַנקער אין זייערע פּאָרטען, איז ד אָ ס ג ע ז ע ץ פ ו ן מ אָ ר אַ ל!

קענען דען די סענאַטאָרען צווייפלען, אַז דיעזער אונבעמערקבאַרער, אונקערפערליכער, אונממשות׳דיגער „עטוואָס“, איז עס די איינציגע מאַכט וואָס האַלט צוריק דיעזע מורא׳דיגע קרעפטען פון פערניכטונג און צושטערונג— די אַרמעע און די פלאָטע פון דייטשלאַנד?

קענען דען די סענאַטאָרען צווייפלען, אַז דיעזער אונבעמערקבאַרער, אונקערפערליכער, אונממשות׳דיגער „עטוואָס“, איז עס די איינציגע מאַכט וואָס האַלט צוריק דיעזע

מורא׳דיגע קרעפטען פון פערניכטונג און צושטערונג — די אַרמעע און די פלאָטע פון דייטשלאנד?

אַצונד האָבען מיר אין אונזערע פּאַרטען ניט די מעג־ליכקייט צו שיסען אפילו איין-איינציגען שאָס, אַ חוץ אַלס סאלוט און בעגריסונג פאר דיעזע דייטשע קריעגס-שיפען. זאָלען זיי קומען, אויב זיי ווילען! זיי וועלען זיין געזיכערט, אַז זיי וועלען קריגען אַ ווארימע אויפנאַהמע פון אונזער אַרמעע און פלאָטע, ווייל אַמעריקא ווייס, אַז ס׳איז דייטש־לאַנד גאָר ניט אַרויסגעקומען דערפון וואָס איהרע מאַט־ראָזען האָבען ערמאָרדעט אַמעריקאנישע מאַטראָזען; אַמעריקא ווייסט אַז די מיספערשטענדניסען וועלכע עק־זיסטירען צווישען ביידע לענדער קענען אויסגעגליכען ווע־רען אויף אַ פריעדליכען אופן, און זי איז איבערצייגט אַז אזוי וועט עס טאָקי באלד געשעהן! און אַלס אַ וויטערדי־גען בעווייז פאר אונזער פריעדליכער שטעלונג צו דייטש־לאַנד און אונזער גלויבען אין איהר געפיהל פון יושר. האָבען מיר אונזער שטארקסטע און בעסטע אַוועקגע־שיקט אין מיטעללענדישען ים. יעדעס מאָל ווען עס הערט זיך דער גערויש פון די שיפען אויף דעם וועג, וואָס פיהרט זיי אַלץ ווייטער און ווייטער אַוועק פון דער היים, איז גרא־דע ווי מיר וואָלטען געזאָגט צום דייטשען פאָלק:

„מיר גלויבען אייך!

„מיר פערלאָזען זיך אויף אייך!

„מיר טרויען אייך!״

קענען די סענאַטאָרען גלויבען אַז די דייטשען זיינען אַזעלכע חיות, דאָס זיי וועלען אונז בעפאלען און פערפליי־צען אונזער לאַנד אין בלוט, ווען מיר ווייזען זיי דאָס מיר האָבען אַזוי פיעל פערטרויען אין זיי, אַז מיר פערלאָזען זיך אויף זייער עהרע, אויף זייער יושר?

האָט ביז אַצונד פּאַסירט עטוואָס אַזעלכעס, וואָס זאָל רעכטפערטיגען אַזאַ שלעכטע מיינונג וועגען דיעזען פאָלק?

דאָס קען מען ניט בעהויפּטען, דאָס קען מען ניט בע־ווייזען; און עס איז דערפאר קלאָהר אַז ער האָט געהאַט אַ רעכט צו שיינקען דעם דייטשען פאָלק זיין פערטרויען. און ווי באַלד דאָס איז אַזוי, טאָ וואָס האָט ער געטהאָן וואָס

זאָל קענען אויסגעטייטשט ווערען אַז ער האָט פערפעהלט צו בעשיצען דאָס לאַנד?

מיט דיעזע אַרגומענטען, וועלכע דער פּרעזידענט האָט אַזוי שטאַרק ווי מעגליך בעטאָנט, האָט ער געענדיגט זיין הויפּט פערטהיידיגונג. נאָכהער האָט ער טריומפירענד אויסגערופען, „זאָל דיעזער פערטרויען לאַנג דויערען!”. ער האָט דאַן אָנגעפאַנגען דעם פינאַל, דעם שלום פון זיין פערטהיידיגונגס-רעדע, מיט וועלכער ער האָט זיך געווענדעט דירעקט צו די סענאַטאָרען, אייניגע פון וועלכע ער האָט אָנגערופען ביים נאָמען. און צו די עלטערע האָט ער געזאָגט מיט אַן ערנסטען, טראַגישען טאָן, אַז פריהער אָדער שפּעטער מוזען זיי אַוועק אין יענע ספערען, וואו דאָס פערשפּרייטען פון פאלשע קלאַנגען און נאַכריכטען, וואו אינטריגעס וואָס בריינגען ערפאָלגרייכע און אונערפאָלגרייכע מלחמות, וואו בעטרוג און אונטערדריקונג הערען אויף און וועלען זיי מעהר ניט דערגרייכען. אויף זייערע געפיהלע פון יושר און גערעכטיגקייט האָט ער אַ פאָלשטענדיגען רעכט זיך צו פערלאָזען.

איינער פון די סענאַטאָרען האָט זיך אויסגעדריקט וועגען דעם איינפלוס וואָס דער פּרעזידענט האָט אויסגעאיבט אויף די סענאַטאָרען, וועהרענד זיין רעדע: „מיר האָבען זיך געפיהלט ווי מיר וואָלטען זיין אין אַ תהום וואָס האָט קיין גרונד ניט, אין אַן אונענדליכער, אַלוועלטליכער גרויסקייט. מיר זיינען געוואָרען די בעאָבאַכטער ווי אַזוי נייע וועלטען זיינען בעשאַפען געוואָרען, ווען דער פּרעזידענט האָט אַרויסגעדונערט זיין גלויבען אין דעם ג ע ז ע ץ פ ו ן מ אָ ר א ל, און האָט געשניטען מיט דער ביטערער איראָני פון זיין קריטיק די זאָגענאַנטע „פּראַקטישע מענשען”, וואָס האָבען זיך בעריהמט אַז זייערע פיס שטעהען אויף אַ שטאַרקען, שטענדיג-פעסטען באָדען, בעת די גאַנצע ערד שוועבט אַרום אין דער לופטען ווי אַ באַלון און ווערט נאָר אויפגעהאַלטען אויף איהר באַלאַנס דורך נאַטור-געזעצען, וועלכע זיינען גראַדע אַזוי אונזיכטבאַר, אַזוי אונ׳ממשות׳דיג און אַזוי אונדייטליך ווי עס זיינען די געזעצען פון גלויבען און ליעבע”.

אויב אַנערקענונג און סימפּאַטהי צו אַ רעדנער ווערט אויסגעדריקט אין פֿאָלשטענדיגען שטילשווייגען, דאַן האָט דער פּרעזידענט געקריגען זיין פֿאָלשטענדיגע אַנערקענונג ווען ער האָט זיך געווענדעט צו זיינע ריכטער און זיי געוואָרענט אַז ווען זיי וועלען דאַרפען אָפּגעבען זייער שטימע וועט עס זיך ניט האַנדלען דערום, אום זיי זאָלען האַלטען פאַר אָדער געגען דעם פּרעזידענט, נאָר עס וועט זיך האַנדלען אום דעם צו מיר זאָלען האָבען פריעדען אָדער מלחמה; צו מיר זאָלען געהן פאָרווערטס אָדער ריקווערטס, צו אונזער פאָהן זאָל קריגען מעהר שעהנקייט, מעהר בעדייטונג, אָדער אונזער פאָהן זאָל ניט סימבאָליזירען קיין גרעסערען, קיין בעסערען, קיין נאָבעלערען אידעאל ווי יענע פערעלטערטע טהעאָריע אַז אַ באַננער פון אַ פֿאָלק פערקערפערט אין זיך דאָס שטרעבען צו בלוטיגער נקמה פאר געליטענעם שאַדען, אָדער עולה.

VI

אין יענעם טאָג, ווען דער פּרעזידענט האָט געהאַלטען זיין רעדע זיינען די אַבענד-צייטונגען (עס קלינגט פּאַראַדאָקסאַל: אבענד-צייטונגען ביי טאָג, עס איז אָבער דאָך אַזוי, ביי אונז איז די ערשיינונג פון אַבענד-צייטונגען ביי טאָג כלל קיין נייעס ניט) געווען פול מיט בעריכטען און ציטאַטען פון דעם פּרעזידענטס רעדע. אַזוי ווי די רעדע האָט זיך ביי איהם אויסגעגאָסען פון זיין נשמה און איז ניט געווען קיין פריהער פאָרבערייטעטע אויסגעשריבענע רעדע, האָבען זיי די רעדע אין גאַנצען ניט געקענט פערעפענטליכען ביז דעם נעכסטען טאָג.

איך בין דאן געווען שטאַרק בעשעפטיגט צוגרייטענדיג קאָפּיעס פון דעם פּרעזידענטס רעדע פאר די טעלעגראַפען, פאר די קייבעלס, פאר דעם טעלעפאָן און פאר די פּרעסע. ווע׳מעס פערטרעטער עס האָבען מיך בעלאַגערט זוי די היישעריקען און בעוואָרפען איבער׳ן קאָפּ מיט פראַגען. ווען זיי זיינען פערטיג געוואָרען מיט זייערע פראַגען, האָב איך זיי געפרעגט: וואָס פאר אַ ווירקונג, דענקען זיי, דעם פּרעזידענט׳ס רעדע וועט מאַכען. „וועל״, האָט איי-

נער פון זיי געזאָגט מיט דער צושטימונג פון די איבריגע, „איהר קענט זיכער זיין אַז זיי וועלען זיך אַזוי שטאַרק ניט איילען צו פעראורטהיילען אַ מענשען, וועלכער האָט אַזאַ רעדע געקענט אַרויסברייינגען מכח אל הפועל״.

„דיינקט איהר דאָס טאַקי אין אמת'ן?״ האָב איך מיט נייגיריגקייט געפרעגט.

„אין אמת'ן!״ האָט אַן אַנדער צייטונגס-מאַן אונ-טערגעכאַפּט. „הערט איהר, מעק (מעקינטאַש), אויב די דאָזיגע רעדע וועט די סענאַטאָרען ניט מאַכען צו דיינ-קען אַז זיי זאָלען זיך ניט איילען מיט אַן אורטהייל, בין איך צופריעדען אויפצוגעבען מיין שטעל אַלס קאָרעספּאָנ-דענט אין וואַשינגטאָן און צוריקגעהן צו מיין אַלטער מי-זעראבלער שטעלע, אַלס פּאָליס-רעפּאָרטער. מען זאָגט אַז פּאָנטיוס פּילאַנטוס, דער זעקסטער רוימישער פּראָקו-ראַטאָר, אָדער גובערנאַטאָר פון ארץ ישראל, נאָך דעם ווי רוים האָט פון דעם אידישען לאַנד געמאַכט אַ רוימי-שע פּראָווינץ, האָט זיך בעריהמט געמאַכט אין דער גע-שיכטע דערמיט וואָס ער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ער ווייסט ניט וואָס אמת איז. מיר שיינט, אַז פיעלע סענאַ-טאָרען זיינען אַצונד אין דער זעלביגער לאַגע. וואָלטען זיי אַצונד געקענט זיך אין גאַנצען בעפרייען פון דעם אימ-פּיטשמענט פּראָצעס, וואָלטען זיי געווען העכסט צופריע-דען״.

מיין בעקאַנטער צייטונגס-מאַן האָט געהאַט רעכט: ניט נאָר האָט דעם פּרעזידענט'ס רעדע ערשטוינט די סע-נאַטאָרען, נאָר אויך די גאַנצע וועלט. די ערשטוינונג, וועניגסטענס אין אונזער אייגען לאַנד, איז צוצושרייבען דעם פאַקט, אַז דער טאָן דער פון דעם פּרעזידענט'ס רע-דע האָט געקלונגען ניט ווי אַ רעדע פון איינעם, וועלכער זיצט אויף דער אנקלאַגע-באַנק ביי אַ פּראָצעס, פון וועמעם רעזולטאַט עס היינגט אָב זיין פּאָליטישער לעבען אָדער טויט; נאָר דאָס איז געווען אַ טאָן פון איינעם, וועל-כער האָט אַלעמען געמאַכט פיהלען, אַז ער האָט בעזעסען אויטאָריטעט און האָט ערוואַרט דיעזע אויטאָריטעט אָנ-צוהאַלטען אין דער צוקונפט. און דער גרעסטער שפּאַס

איז געווען, אז ווערענד דאס פאלק און די פרעסע זיינען געווען פערטיעפט אין היציגע דעבאטען וואס פאר אן איינדרוק דעם פרעזידענט׳ס רעדע האט געמאכט, וועלכע גוטע און וועלכע שלעכטע זייטען זי האט געהאט, וועלכע שטארקע און שוואכע פונקטען זי ענטהאלט — ווערענד דער עולם און די פרעסע זיינען אזוי געווען פערקאכט אין דיעזע ויכוחים האבען זיי דערווייל כמעט אין גאנצען געהאט פערגעסען אז זיי ווילען האלטען מלחמה מיט דייטשלאנד.

יא, איך גלויב, אז אלע אנדערע פונקטען און בעטראכטונגען אין בעצוג צו דיעזער רעדע זיינען ניט געווען אזוי וויכטיג, ווי דיעזער איינציגער פונקט אויף וועלכען, קאמיש ווי עס מעג קלינגען, די פרעסע און די גאנצע עפענטליכע מיינונג פון דייטשלאנד און פון אונזער אייגען לאנד, האבען איינגעשטימט. נעמליך, אז ס׳איז אונמעגליך פאר דייטשלאנד אנצופאלען אויף אונזער לאנד מיט איהרע שיפען און מיליטער אזוי לאנג ווי מיר זיינען בערייט צו געבען א פריינדליכען „ברוך הבא״. דא האט איהר געהאט א קאלטען קאנקרעטען פאקט וועלכער איז אלעמען געשטאנען פאר די אויגען. יעדער האט איינגעזעהן אז דייטשלאנד איז געשטעלט געווארען אין אזא לאגע, אז ווי זי זאל ניט זיין נייגעריג און פערטיג פאר מלחמה, קען זי אבער דאך ניט וואגען צו זיין די אנגרייפערין. דאס איז געווען א פאקט, א לעבעדיגער, אונבעשטרייטבארער פאקט. איינער האט זיך אנגעקוקט דעם אנדערן מיט פערוואונדערונג: ווי אזוי קומט עס? פון וואנען האט זיך דיעזער צושטאנד גענומען, אז אזא שטארקע מאכט ווי דייטשלאנד זאל זיין בערייט און נייגעריג פאר א מלחמה און דאך זאל זי זיין אין אזא לאגע, דאס זי זאל ניט וואגען געגען אונזער לאנד צו ערקלעהרען קריעג? עס איז געווען א רעכט זאנדערבארע שטימונג, וועלכע וואלט געווען זעהר טרויעריג ווען זי וואלט ניט זיין אזוי קאמיש״.

עס איז העכסט ווארשיינליך אז די מייסטען וועלכע האבען זיך אין דיעזע דעבאטען און ויכוחים בעטהייליגט, האבען אליין געלערנט, אדער זיי האבען געהערט אנדערע ערקלעהרען די בעדייטונג פון דעם פסוק אין תהילים

(פסוק 6, קאפיטעל 18) „יהוה לי לא אירא מה יעשה לי
אדם״ — אז גאט איז מיט מיר האב איך קיין פחד; וואס
קען דען א מענש געגען מיר טהאן, ווען גאט איז מיט מיר?״
אבער דאך דענק איך אז קיינער נעהמט אזעלכע אלט-
פריינקישע זאכען היינטיגע צייטען ניט ערנסט.

מען מוז זעהר בעדויערען וואס אונזער פאלק האט
זיך געהאלטען אן דער פאליטיק פון בעליידיגען און פער-
דעכטיגען דאס דייטשע פאלק אפילו א געוויסע צייט נאך
דעם ווי די דייטשע רעגיערונג האט שוין בעשטימט און
אפיציעל ערקלערט אז זי האט די גרעסטע אכטונג און
פערטרויען צו פרעזידענט איזראעלס. מיר זיינען געווען די
יעניגע וועמען עס איז געטהאן געווארען אן עולה און די
בילדער, וועלכע דער פרעזידענט האט געמאהלען אין זיין
רעדע וועגען דאס דייטשע פאלק, אלס בירגער, אלס
קינסטלער, אלס פאמיליען-פאטערס און קולטור-טרעגער,
— אלעס צוזאמען האט געווירקט, אז דאס אפיציעלע און
אונאפיציעלע דייטשלאנד זאל בעסער פערשטעהן אונזער
פרעזידענט און וויסען ווי איהם געהעריג צו שעטצען, אכ-
טען און רעספעקטירען.

עס איז פון אלע זייטען בעמערקט געווארען, אז הגם
יעדער האט געפיהלט דעם ערנסט און די אויפריכטיגקייט
מיט וועלכער דער פרעזידענט האט גערעדט, ווען ער האט
אויף אזא פריינדליכען און ליבעראלען אופן אויסגערעכענט
די גרויסע מעלות פון דעם דייטשען פאלק, אז דיעזער טהייל
פון דעם פרעזידענט׳ס רעדע האט ביי די דייטשען ארויס-
געצויגען דעם גאנצען פייער פון זייערע מלחמה-דונערען.
מיר וועלען אייביג בעדויערען דעם פאקט וואס דאס אמערי-
קאנישע פאלק האט ניט פערשטאנען ווי צו שעצען די
ווירדע און די פערדיענסטען פון׳ם פרעזידענט ביז וואנען
זיי האבען געלעזען אין די צייטונגען די קייבעלס פון ענג-
לאנד, דייטשלאנד, פראנקרייך און זאגאר פון ווייטען יא-
פאן וועגען זיין גרויסקייט אלס מענש, זיין פעהיגקייט און
קלוגהייט אלס דיפלאמאט, זיין עהרליכקייט אלס פער-
טרעטער פון פאלק, זיין געלעהרזאמקייט און גוטהערציג-
קייט, — מיר האבען ליידער דאס אליין ניט געקענט בע-

מערקען ביז אַנדערע האָבען אונז די אויגען געעפענט און אונז אויפמערקזאם געמאַכט אויף דעם.

איין זאַך ווייס איך אויף זיכער, אַז דער פלאַן, אויף וועלכען דייטשלאַנד איז איינגעגאַנגען צו שליכטען אונזער קריוודע געגען איהר, — אַ פלאַן, וועלכער איז אין יעדען הינזיכט געווען צופרידענשטעלענד, וואָלט אונז געווען פאָרגעשלאָגען געוואָרען לאַנג צוריק, אויב די עפענטליכע מיינונג וואָלט פון אָנפאַנג אָן געווען מיט און פאר דעם פרעזידענטס פאָליטיק. באַראָן שטעכער, דער געוועזענער דייטשער אַמבאַסאַדאָר אין אַמעריקאַ, ווייס גאַנץ גוט אַז דער זעלביגער סעטעלמענט, וועלכען מיר האָבען אָנגענומען דאַן אַלס פאָלשטענדיג צופרידענשטעלענד, איז די גאַנצע צייט געלעגען גרייט אין דעם דייטשען אינערען מיניסטעריום און ביז דער אימפיטשמענט פראָצעס האָט זיך געענדיגט מיט אַ זיעג פאר'ן פרעזידענט, האָט די דייטשע רעגיערונג ניט געוואָלט אפילו דערמאָהנען וועגען דעם, אַז זי האָט בדעה אַזאַ פלאַן אונז פאָרשלאָגען. אצינד, אַז אַלעם איז פארביי, קענען מיר זאָגען מיט אַ רוהיגען געמיטה אַז ס'איז אַלעם געווען לטובה פון אונזער פאָלק. מען קען זאָגען אַז אונטער אַנדערע אומשטענדען וואָלט דייטשלאַנד ניט איינגעוויליגט צו ברייגען די טוידטע קערפערס פון אונזערע מאַטראָזען אַהער אין זייערע קריגסשיפען און נאָכקומען דעם פרעזידענט'ס אַלע פאָדערונגען אין בעצוג אויף אַלע אונזערע טעריטאָריאלע תביעות, אפילו אָהן דער אַריינמישונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען פריעדענס-טריבונאַל אין האַג.

ס'איז נאָר צו בעדויערען וואָס דער פרעזידענט האָט ניט דערלעבט צו זעהען, וואָס פאר אַ וועזען מען האָט געמאַכט פון די דייטשע סאָלדאטען ביי זייער אנקונפט אין אונזער פאָרט, ווי אַזוי יעדער האָט זיי אָנגעקוקט מיט אַזעלכע פריינדליכע אויגען, — אָט טאַקי דיזעלביגע דייטשען, וועמען דאָס אַמעריקאַנער פאָלק האָט געוואָלט אויפעסען לעבעדיגערהייט. און עס איז נאָך אַ גרעסערער פערדרום וואָס דער פרעזידענט האָט ניט געלעבט לאַנג גענוג צו געבען דעם אַמעריקאנישען פאָלק די מעגליכקייט

גוט צו מאַכען דעם שאַדען, דעם בזיון און די צרות וואָס עס האָט דעם פּרעזידענט אָנגעטהאָן ביים לעבען.

פון אָנפאנג אָן האָב איך ניט געקענט פערשטעהן ווי עס קומט אַז אַ מאַן, וועלכער איז געווען פיזיש ניט איבע־ריג שטאַרק און וועלכער האָט געהאַט גרויס עגמת נפש אפילו פון געוועהנליכע זידלעריי און רכילות, וועלכעס יע־דער מענש אין עפענטליכען לעבען, ספּעציעל איינער וועל־כער איז טהעטיג אויפ׳ן פּאָליטישען געביט, מוז ערוואַר־טען, אַז ער זאָל זיין אויף אַזוי פיעל שטאַרק, זאָל בעזיצען אַזוי פיעל מוטה געגענצושטעהען דעם שטורם פון דער עפענטליכער מיינונג, ווי דער פּרעזידענט האָט דאָס גע־טהאָן, ווען ער האָט זיך ענטזאגט צו ענטפערן מיט אַ מאָ־ביליזאַציאָן פון אונזער אַרמעע אויף די קריעגס-פּאָרבע־רייטונגען פון דייטשלאַנד.

עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעצייגט, אַז אַלע זיינע קרעפטען זיינען אויסגעשעפּט געוואָרען דורך זיינע אַנ־שטרענגונגען ווערענד דער רעדע וואָס ער האָט געהאַלטען פאר די סענאַטאָרען. ווען מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער פּרעזידענט ניט געהאַט קיין כח שטעהן צו דער קארעטע, צוריקקומענדיג צום ווייסען הויז, האָט בלייבען אויף די פיס און האָט גלייך נאָך דעם געקראָגען אַן אָנפאַל פון קרעמפּפע און ברעכען.

יענעם אַבענד האָבען זיין דיענער און איך איהם אַריינגעפיהרט אונטער די אָרעם אין זיין שלאָפצימער פון וועלכען ער איז שוין קיינמאָל ניט אַרויסגעקומען קיין לעבעדיגער.

איך דאַנק גאָט, וואָס ער האָט חאָטש געלעבט לאַנג גענוג צו ערפאהרען אַז זיין אימפּיטשמענט פּראָצעס איז בטל געוואָרען און אַז די דייטשע רעגיערונג האָט נאָכגע־געבען כמעט אַלצדינג וואָס ער האָט געפאָדערט. ווען מען האָט איהם אָנגעזאָגט די בשורה אַז די אימפּיטש־מענט איז בטל געוואָרען, האָט ער געזאָגט: „דאָס איז זעהר צופריעדענשטעלענד״, און ווען ער האָט ערפאהרען וועגען די פרעהליכע נייעס, אַז דייטשלאַנד האָט אַלץ נאָכ־געגעבען, האָט ער בעמערקט: „יא, דאָס איז זעהר פיין,

אָבער זעהט אַז איהר זאָלט אונבעדינגט וויסען לאָזען דעם דייטשען קייזער אַז ער איז דער זיעגער״.

אַ חוץ דעם וואָס ער איז אין דיעזע פעלע געווען מעהר אָדער וועניגער נייגיעריג צו וויסען וואָס עס געהט פאָר, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון איינעם וואָס איז אויסערגעוועהנליך גלייכגילטיג און האָט ניט געהאַט דעם מינדעסטען וואונש זיך צו דערוויסען וואָס עס געהט פאָר אויף דער אויסערער וועלט. מיר האָבען אַ פּאָר מאָל פּרובירט פאר איהם פארלייענען, וואָס די אייראָפּעאישע פּרעסע האָט געזאָגט וועגען זיין רעדע אין סענאַט, אָבער אַז מיר האָבען זיך איבערצייגט אַז אנשטאַט פערגעניגען האָט דאָס איהם נאָך שמערצען פערשאַפט, האָבען מיר אויפגעהערט איהם צו ברייננגען אירגענד וועלכע נאַכריכ־טען וועגען די טעגליכע פּאַסירונגען. אין גאַנצען גענומען קען מען זאָגען, אַז זיין טוידט איז געווען זעהר אַ רוהיגער און, ווען איך וואָלט האָבען אַ דעה אין דעם ענין, וואָלט איך געוואונשען אַז איך זאָל אַזוי רוהיג שטאַרבען ווי ער. די ערשטע פּאָר טעג פון זיין קראנקהייט האָט ער זיך געקימערט, טאָמער האָבען מיר די טיהר געלאָזט אָפען און דער טומעל וועט דאָרט אריינקומען. ער האָט נאָר געהאַלטען אין איין טענה׳ן כסדר: „איך האָב געטהאָן אַלעם וואָס איך האָב געקענט. מיין אַרבייט איז געטהאָן, אַצונד בין איך בערעכטיגט צו רוהע״. אָבער ווען ס׳איז אונז געלונגען איהם צו איבערצייגען, אַז מיר וועלען דעם טומעל ניט אריינלאָזען צו איהם אין צימער, איז ער בע־רוהיגט געוואָרען און האָט זיך וועגען קיין זאַך מעהר ניט געקימערט. זיין שוועסטער און איך פלעגען איהם פון צייט צו צייט עטוואָס פאָרלעזען. אַצונד, האָט ער גע־זאָגט, דאַרף ער שוין ניט מעהר שטודירען די וויסענשאַפט, ווייל ער וועט שנעל קומען אין נאָהענטער בעריהרונג מיט דעם אַל־וויסען. וואָס ער האָט אַצונד געוואָלט איז פּאָע־זיע. זיין שוועסטער פלעגט איהם דאַרום פאָרלעזען די ער־האָבענע פּאָעזיע פון איוב, וועלכע זיין נאָמענס־קאָ־לעגע, דוד, האָט אַזוי ערהאבען געזונגען אין תהילים, און פון די גרויסע דייטשע פּאָעטען. צוויי טעג איידער ער איז

געשטאָרבען האָט ער אונז געבעטען אַז מיר זאָלען איהם דערלאנגען אַ וואזע פון אַ צווייטען צימער און זי אנידערשטעלען גלייך פאר זיינע אויגען. וואָס שנעלער די ענדע האָט זיך דערנעהערט, האָט ער אַלץ אָפטער פערלאנגט אַז זיין שוועסטער זאָל פאר איהם פאָרשפּיעלען אויף דער פיאַנא סעריעזע קלאַסישע מוזיק. אַ קורצע צייט איידער ער איז געשטאָרבען האָט זיין שוועסטער, אויף זיין פערלאַנג געשפּיעלט אַ הימן פון תהילים, וועלכע ער האָט שטענדיג זעהר ליעב געהאַט צו זינגען. איך ציטיר דיעזען הימן דאָ צוליעב דער וויכטיגקייט וואָס ער האָט אין צוזאמענהאַנג מיט דעם שטורמישען לעבען און דעם אַרט שטארבען פון פרעזידענט.

אדני מעון אתה היית לנו בדור ודור,
בטרם הרים ילדו ותחולל ארץ ותבל:
ומעולם ועד עולם אתה אל.
תשיב אנוש עד דכא ותאמר שובו בני אדם.
כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול כי יעבור,
ואשמורה בלילה:
זרמתם שנה יהיו בבוקר כחציר יחלוף.
אדני מעון אתה היית לנו בדור ודור,
בטרם הרים ילדו ותחולל ארץ ותבל:
ומעולם ועד עולם אתה אל.״

(תהלים, קאפּיטעל 90)

„גאָט, אן אבדאכס-פּלאץ ביזטו פאר אונז געווען אין יעדען דור,
נאָך איידער די בערג זיינען בעשאַפען געוואָרען,
נאָך איידער די ערד און די וועלט האָבען געקראָגען זייער פאָרמע, —
פון דעם אָנפאנג ביז צום אייביגטהום ביזטו גאָט.
דו קעהרסט אום אַ מענשען ביז צום טוידט
און זאָגסט: „קעהרט זיך אום איהר מענשען-קינדער״.
ווייל טויזענד יאָהר אין דיינע אויגען
איז ווי דער טאָג פון נעכטען וואָס איז פארביי,
און ווי די וואך אין דער נאַכט,
טראָגסטו זיי אַוועק ווי אין אַ פערפלייצונג,
זיי זיינען ווי גראָז וואָס בייט זיך.

גאָט, אַן אַבדאכם-פלאַץ ביזטו פאר אונז געווען אין יעדען דור,
נאָך איידער די בערג זיינען בעשאַפען געוואָרען,
נאָך איידער די ערד און די וועלט זיינען פאָרמירט געוואָרן,
פון דעם אָנפאנג ביז'ן אייביגטהום ביזטו גאָט".

דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען, ווען זיין שוועס־טער האָט גענענדיגט זינגען זיין ליעבלינגס-הימן און איך בין געזעסען ביי זיין קראַנקען-בעט, האָט מר. איזראַעלס געזאָגט: „איך האָב ליעב דיעזע ווערטער — „איידער די בערג זיינען געשטאַנען, אָדער די ערד און די וועלט האָבען געקראָגען זייער פאָרמע", און „אַ טויזענד יאָהר אין דיינע אויגען זיינען ווי דער אבענד וואָס איז פערביי". דאַן האָט ער ווייטער געזאָגט: „מר. מעקינטאָש, דיעזע ווערטער מאַכען מיך דיינקען וועגען יענער פראָצעסיאָן פון די וויל־דע חיות — אונזערע אור-עלטערן — וועגען וועלכע איך האָב מיט אייך אַמאָל גערעדט. געדענקט איהר?"

„געוויס געדיינק איך", האָב איך געענטפערט.

ווען זיין שוועסטער איז צוריקגעקומען אין צימער, האָט ער געזאָגט גאַנץ דייטליך: „אויב מיר וואלטען גע־קענט בייוואוינען די גאַנצע פראָצעסיאָן, וואָלטען מיר גע־זעהען ווי יעדע חיה אין דער פראָצעסיאָן האָט פערטרא־טען אַ געוויסען שטאַדיום אין דעם פראָגרעס פון דער וועלט דורך אַלע דורות — איך מיין די אַרבייט צו פערפאָלקאָ־מען די פערשיעדענע טהיילען פון אונזער קערפער, ווי מיר זיינען אַצונד. ווי אַזוי קענען מיר בעגרייפען וויפיעל און ווי לאַנג יעדע איינע פון דיעזע פיעלע טהיילען פון אונ־זער קערפער האָט געפאָדערט לעבענס און יאָהרען ביז זיי זיינען פערפאָלקאָמט געוואָרען".

„איך דיינק", האָט דער פרעזידענט ווייטער געזאָגט, נאָך דעם ווי ער האָט אַ היבשע צייט געשוויגען, אַז דאָס זעלביגע וועט פאַסירען מיט אונזער נשמה. איהר בע־גרייפט אודאי, אַז די עוואָלוציאָן האָט אַצונד אויפגעהערט צו זיין אַ פיזישע. די עוואָלוציאָן האָט איצטער דערגרייכט

דעם געדאנקען-שטאַפּעל. יאָ, עס וועט נעהמען פיעלע יאָהרען און אונצעהליגע לעבענס ביז וואַנען די אייגענשאַפטען פון דער מענשליכער נשמה וועלען פערפאָלקאָמט ווערען, אָבער „אַ טויזענד יאָהר אין דיינע אויגען איז ווי דער אַבענד וואָס איז פערביי". אַ ניין, מיר טאָרען די אָרימע מענשען ניט טרייבען צו שנעל, זיי מוזען נעבעך געהן לאַנגזאם, זאָגט זיי", האָט דער פּרעזידענט כמעט ווי געשריען אויפ'ן קול, „זאָגט זיי, אַז זיי זאָלען זיין צופריעדען מיט דעם וואָס מיר האָבען געוואונען". — דאַן, ווען מיר האָבען לאַנגזאם זיין קאָפּ ווידער צוריק געלעגט אויפ'ן קישען, האָט ער פאָרטגעזעצט: — „דאָס הייסט דערווייל".

אַ פּאָר מינוטען שפּעטער האָט דער פּרעזידענט ווייטער געזאָגט: „איך דיינק, אַז איך וועל שנעל זעהן אַזאַ סאָרט פּראָצעסיאָן. עס וועט זיין אַ זעהר אונאַנגענעהמע סצענע, אָבער זעהר אַן אינטערעסאנטע".

מיר האָבען אַצונד געוואוסט, אַז זיין ענדע איז געקומען. ער האָט דאַן נאָר איינמאָל נאָך גערעדט און זיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען: „איך דיינק, אַז גאָט און זיין הייליגקייט — וועט זיין זעהר שעהן און ערהאָבען".

אין די בין השמשות-צייטען פון דער געשיכטע איז אַרויף אויף דער סצענע אַ פאָלק אויף דעם מזרח-ברעג פון מיטעללענדישען ים.

אַזוי גרויס איז געווען די גייסטיגע גבורה פון דיעזען פאָלק, אַז וועהרענד אַלע זיינע שכנים האָבען זיך געבוקט צו ניט-ווירדיגע אָבגעטער, האָבען זיינע דיינקער דערקענט דעם איינציגען אַלמעכטיגען גאָט. און אפילו ווען זיינע בענאַכבארטע פעלקער האָבען מקריב געווען קרבנות איבערצובעטען און צו בעפריעדיגען זייערע אַנגע'ברוגזטע געטער, האָבען די דיינקערס פון דיעזען מערקווירדיגען פאָלק געקראָגען דעם גרויסען בעגריף אַז דער גרויסער, מעכטיגער און גערעכטער גאָט פאָדערט ניט קיין קרבנות.

און דער גאָט, וועמען דיעזע דיינקער האָבען דערקענט, האָט צו זיי גערעדט אין אַ גאַנץ אינטימער שפּראַך און עס איז געווען גאַנץ ריכטיג, וואָס זיי האָבען זייערע

נביאות אָנגעהויבען מיט ווערטער וועלכע פערקערפּערען דעם גאַנצען געדאנקען פון יראת הכבוד: „כה אמר אדני!”. אַזוי האָט גאָט געזאָגט! אצינד, זאָגט מען, אַז גאָט רעדט ניט מעהר צו די מענשען, גראדע ווי עס וואָלט מעגליך זיין אַז די גאָטהייט זאָל פערשווינדען. איך גלויב דאָס ניט. איך גלויב, אַז די גאָטהייט איז אַלץ מיט אונז, אז זי איז ניט פערשוואונדען. איך גלויב, אַז גאָט רעדט אַצינד צו די מענשען, גראדע ווי אַמאָל, אין די אַלטע צייטען; אַז ער רעדט צו זיי דורך דערזועלביגער ראָמאַנטישער ראסע, וועמעס גייסטיגער זשעני עס האָט געקראָגען די זאָנדערבאר שעהנע מתנה, צו זיין דער ערשטער שליח צו פּראָקלאמירען גאָטס וואָרט צו דער וועלט. און, איך גלויב אויך, אַז גאָט איז אַלמעכטיג און אַז ער קען רעדען צו די מענשען ניט נאָר דורך די אָרימע און ערנידערטע, נאָר אויך דורך די רייכע און דערהאבענע.

דרוק-פעהלערען.

אין „במקום הקדמה“ זייט 1, זיינען שורות 16 און 17 פארבי־טען. די ערשטע דארף געהן נאך דער צווייטער. עס דארף זיך ליי־ענען: „דער עצם פון גאנצען ענין איז אבער די פאליטישע פראגע אין אמעריקא בנוגע איהרע אידישע בירגער און איינוואהנער, די מעגליכע א. ז. וו.

אויף זייטע 5, אין דער זעלבער „במקום הקדמה“ אויף שורה 11 דארף זיין „רחמנא ליבא בעי“.

אויף דער זעלבער זייט, שורה 14, דארף זיין „דער גרויסער תנא“.

אויף זייט 10, אויף שורה 19 שטעהט צוויי מאל „ניט שענ־קען“.

אויף זייט 24, שורה 8, פון אונטען, שטעהט אין בערלין. — דארף שטעהן פון בערלין.

אויף דער זעלבער זייט שורה 4 פון אונטען, פעהלט דאס ווארט „געווארען“, דארפען הייסען „בעגאנגען געווארען“.

אויף זייט 30, שורה 13, פון אנפאנג, שטעהט „ליגען“, דארף שטעהן „בעטייליגען“.

אויף זייט 46, שורה 18, דארף זיך לייענען אזוי: "איך בין אליין מודה אז איך האב אבגעאטעמט פרייער, ווען דורך זיין ער־שיינונג א. ז. וו.

אויף זייט 53, שורה 7, פון אונטען שטעהט „קענען אונז טהאן“ דארף שטעהן „האבען קענען אונז געטהאן“.

אויף זייט 59, אויף שורה 17, נאך דעם ווארט „בעסטע“, פעהלט דאס ווארט „וואפע“.

אויף זייטע 65, אויף שורה 22, אנשטאט „זייערע“ דארף שטעהן „איהרע“.

אויף זייט 66, שורות 19—18 דארפען זיך לייענען: „פאר די סענאטארען. און ווען מיר זיינען ארויסגעגאנגען פון פראצעס זאל, האט דער פרעזידענט ניט געהאט קיין כח צוצוגעהן צו“.

אויף זייט 67 אין שורה 3 פון אונטען, זיינען די ווערטער „פון איוב“ איבעריג.